יודען, געדענקט, אַז דער קאַמף געגען די רדיפות אויף יודען אין דײַטשלאַנד דויערט!

הײַנט 10 זײַטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרײַז 15 גראָשען

נײַער פאָלקסבלאַט

№ 2	לאָדז, דאָנערשטאָג ז׳ טבת תרצ״ו	פערצענטער יאָהרגאַנג	Łódź, Czwartek, 2 stycznia 1936	№ 2

אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71.

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

„דעצידירטקייט און קראַפט״

דער נײַ־יאָהר־מאַניפעסט פון קאַנצלער היטלער

בערלין, 1 (ספ. טעל.)

הײַנט בײַטאָג האָט דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס, אַדורכגעלייענט פאַר׳ן מיקראָפאָן פון די דײַטשע ראַדיאָ־סטאַציעס דעם נײַ־יאָהר־מאַניפעסט פון דעם קאַנצלער היטלער צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דער קאַנצלער האָט צ.אַ. געזאָגט:

— דאָס קומענדיגע יאָהר וועט ווידער זײַן אַ יאָהר פון דעצידירטקייט און קראַפט. וואָס שטאַרקער עס וועט וואַקסען דער כּח פון דײַטשלאַנד, וועלכער געפינט זײַן אויסדרוק אין דעם ווידערגעבורט פון דער אַרמעע, אַלץ מעהר וועלען מיר זײַן אַדורכגענומען מיט דער לאַסט פון פליכטען. דײַטשלאַנד וועט אויך אין דעם קומענדיגען יאָהר זײַן אַ שוץ־ער געגען דעם באָלשעוויזם, אין נאָמען פון דער אייראָ־פּעאישער קולטור.

דער ציל פון די דײַטשע שטרעבונגען אין דעם נײַעם יאָהר וועט זײַן „דאָס דערהאַלטען פון דעם אייראָפּעאישען פרידען לטובת דעם צוריק־דערגרייכ־טען נאַציאָנאַלען לעבען אין כבוד און פרייהייט״.

טראָץ דעם אַלעם, וואָס עס קאָן טרעפען דײַטשלאַנד, וועט די פּאַרטיי בלײַבען אַ דויער־האַפטער אונצושטערבאַרער פילאַר פון דער דײַטשער לע־בענס־קראַפט.

אַטאַ־דאָס, ווײַזט אויס, איז דער פירוש צום „אייראָפּעאישען פרידען״...

פּאַריז 1 (ספ. טעל.)

די גאַנצע פראַנצויזישע פּרעסע איז אין די יאָהר־בעריכטען הײַנט פול מיט ידיעות, אַז דײַטש־לאַנד איז פולשטענדיג גרייט צום קריג, און אַז אין משך פון די לעצטע חדשים, האָט זיך דײַטשלאַנד געוואַלדיג באַוואָפענט.

מ׳קאָן נישט זאָגען: „האָפּ״...

בערלין, 1 (ספ. טעל.)

דער דײַטשער אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער, דאַר־רע, האָט אין זײַן נײַ־יאָהר אויפרוף זיך געווענדעט צום דײַטשען פּויערטום און צ. אַ. דערקלערט, אַז וויען נישט די אָפּפער־ווילליגע אַרבייט פון דער אַפּראָ־וויזאַציאָנס־אָרגאַניזאַציע, וואָלט דײַטשלאַנד הײַנט, אין דעם דריטען יאָהר פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע, אַדורך אַזאַ ווינטער, ווי אין די יאָהרען 1916—1917, ווען די באַפעלקע־רונג האָט זיך געמוזט דערנעהרען מיט ברוקווע...

אַ נײַער סענסאַציאָנעל־שפּאַנענדער

ראָמאַן

הויבט זיך אָן מאָרגען פרײַטאָג צו דרוקען אין

„נײַעם פאָלקסבלאַט״

טאָג - טעגליך

דער נײַ־יאָהר־אָנזאָג...

דאָס דאָזיגע שרעקליכע בוך איז אַרויס לכבוד נײַ - יאָהר.

ס׳איז נישט קיין ספּר׳ל געשריבען פון אַ די־לעטאַנט, אָדער פון אַ לאַיקער —

עס איז אָנגעשריבען געוואָרען דורך אַ פאַכ־מאַן, דורך אַ מענש, וועלכער ווייסט, וואָס ער רעדט (און אפשר טאַקי — נישט!), און ער, דער מחבר פון דעם בוך, דער טרויעריג־בעריהמטער גענעראַל לודענדאָרף, דערקלעהרט אין אָט דעם בוך, א. ג. „די טאָטאַלע מלחמה״, אַז די נאָהענטע מלחמה, וואָס וועט אויסברעכען אָהן אַ פריהערדיגער דער־קלעהרונג, וועט פערניכטען גאַנצע לענדער און פעלקער, פון וועלכע עס וועט שפּעטער קיין שריד ופליט נישט בלײַבען.

דער גענעראַל לודענדאָרף ווייסט שוין בביאיש פאַראויסצוזאָגען, אַז אין דער דאָזיגער מלחמה וועלען צעהנדליגער טויזענדער שווערע קריגס־אַעראָ־פּלאַנען, דורך גאַז־ און ברען־באָמבעס פערניכטען אַלע שטעט און דערפער, פעסטונגען און שיפען, אַזוי, אַז די גאַנצע ציוויל־באַפעלקערונג וועט אויס־געראָטען ווערען...

לעולם איז אין דעם דאָזיגען בוך קיין שום נײַעס נישטאָ: עס איז שוין פיל, זעהר פיל גע־שריבען און געטראַכט געוואָרען וועגען די גרויזאַ־מקייטען פון דעם קומענדיגען וועלט־קריג, וועגען די אומגעהייערע, גהינום־ווירקונגען פון די פערשי־דענע גאַזען און ברען־שטאָפען, וועלכע וועלען בע־נוצט ווערען אין דעם כעמישען קריג — און די דײַטשען זענען דאָך, כידוע, ערשטקלאַסיגע כעמי־קער !— עס זענען אָבער אויך געווען פערעפ־פענטליכט דעות און מיינונגען, וואָס האָבען זיך גע־ספּקט, אָדער אָפּגעלייקענט די אַלע השערות וועגען די דאַנטע׳אישע גרוילען, מחמת דעם, וואָס עס זע־נען שוין ערפונדען געוואָרען גענוג שוץ־ און אָפּ־וועהר - מיטלען —

און אָט טאַקי האָט אויך דער איצטיגער קריג אין מזרח־אַפריקא בעוויזען בפועל ממש, אַז די גבורה ליגט נישט אַזוי אין די הענד פון די „כע־מיש־פּרעפּאַרירטע״ איטאַליענער, ווי — וואָלט מען געקאָנט זאָגען — אין דעם „מאָראַלישען איבערוואָג״ פון די אַביסיניער...

אַזוי־ווי אָבער דער נאַצישער גענעראַל לודענ־דאָרף האַלט, אַז זיגען וועט דווקא דאָס פאָלק, וואָס וועט נישט האָבען אין זיך קיין שום רחמנות־געפיהל און וועט ווײַט זײַן פון יעדער מאָראַל — טאָ לאָ־מיר האָפען, אַז ער לעבט אין אַ טעות...

מ.

ענגלישע קעניג קאַנדאָלירט

דער פאַמיליע פון פערשטאָרבענעם לאָרד רידינג

לאָנדאָן, 1 (יט״א טעלעגראַפיש)

די פאַמיליע פון פערשטאָרבענעם לאָרד רידינג בעקומט פיל קאָנדאָלענץ־דעפּעשען פון די אָנגע־זעהענסטע פערזענליכקייטען. צווישען אַנדערע זע־נען אָנגעקומען קאָנדאָלענץ־דעפּעשען פון ענגלי־שען קעניג, לאָרד דזשאָרדזש, מאַקדאָנאַלד און אַנ־דערע בעריהמטע פערזענליכקייטען.

הײַנט איז דער טויטער קערפּער פערברענט גע־וואָרען אין קרעמאַטאָריום. מאָרגען וועט אין דער סינאַגאָגע פאָרקומען אַ טרויער־גאָטעסדינסט.

הערבערט סאַמיועל האָט געהאַלטען אַ רעדע דורך ראַדיאָ וועגען טויט פון לאָרד רידינג.

דער ציוני. צ.ק. אין וואַרשע האָט אַרויסגעשיקט אַ קאָנדאָלענץ־דעפּעשע קיין לאָנדאָן צו דער פאַ־מיליע פון לאָרד רידינג.

די נײַ־יאָהר־ווינשען

פאַר׳ן מלוכה־פרעזידענט

וואַרשאַ, 1 (טעלעפאָניש)

דער מלוכה־פרעזידענט האָט הײַנט אויפגע־נומען אויף בעזונדערע אוידיענצען: דעם קאַרדינאַל, די מאַרשאַלקעס פון סיים און סענאַט, די פּרע־זעסען פון דער העכסטער קאָנטראָל־קאַמער, פון העכסטען געריכט, פון אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל, און דערנאָך האָט ער אין׳ם ריטער־זאַל, אין דער בעגלייטונג פון פּרעמיער, אויסערן־מיניסטער א.א.וו. אויפגענומען נײַ־יאָהר־ווינשען.

אַ גרעסערע רעדע האָט געהאַלטען דער קאַרדינאַל מאַרמאַדזשי — דער אַפּאָסטאָלישער נונציוס.

עס האָבען איהם אָפּגעגעבען נײַ־יאָהר־ווינשען דער דיפּלאָמאַטישער פּראָטאָקאָל, דער גענעראַל־אינספּעקטאָר פון די בעוואָפענטע כּוחות, די בעזונדערע רעגירונגס־מיטגלידער, די ציוויל־קאַנצעלאַריע, בעזונדערע דעלעגאַציעס א.א.וו.

עס האָבען אויך בעגריסט די גייסטליכע פון אַלע אמונות, און צווישען זיי די פאָרשטעהער פון אגודת הרבנים: הרב קאַנאַל, הרב מייזעל און ד״ר לאַנגלעבען.

דערנאָך — פאָרשטעהער פון וואַרשאָווער ראַ־בינאַט סען. פּראָפ. שאָר, הרב גוטשעכטער, הרב קאַהאַנע און הרב פּויזנער — מצד׳ן מיליטער־ראַבינאַט.

פון דער קהלה האָבען בעגריסט: וויצע־פּרעזעס לערנער, דאָזאָר שטיקגאָלד.

פון די יודישע סוחרים פעראיינען: באַנקיר ראַפאַל שערעשעווסקי, ד״ר זילבערשטיין, ראַטמאַן מייזעל און דאַווידאָוויטש.

עס זענען אויך געווען פאָרשטעהער פון יו־דישען קליינהענדלער־פערבאַנד, פערבאַנד פון האַנדעלס־פאָרשטעהער, האַלץ־סוחרים־פערבאַנד, פון יודישע קאָמבאַטאַנטען, פאָרשטעהער פון אומפאַר־טייאישע יודען, פון „חסד של אמת״, „חסד ואמת״ און פון עטליכע קראַנקען־אַנשטאַלטען און וואוילי־טעטיגע אינסטיטוציעס, ווי „לינת הצדק״, „תומכי עניים״, „בית לחם״ א.אַ.

וואַרשאַ, 1 (טעלעפאָניש)

אין אַלע וואָיעוואָדישע שטעט האָבען די וואָיעוואָדעס אויפגענומען נײַ־יאָהר־ווינשען פון פאָרשטעהער פון דער מאַכט, פון גייסטליכע, גע־זעלשאַפט און מלוכה־קאָנסולען.

דער איצטיגער וויזיט

פון בעלגישען קעניג אין ענגלאַנד

„לאָעווור״ פערזיכערט, אַז דער איצטיגער וויזיט פון׳ם בעלגישען קעניג אין ענגלאַנד האָט אַ קנאַ־פּערע בעדייטונג, ווי דער פריהערדיגער.

דער קעניג זאָל ווײַטער פערטיידיגען די טעזען, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט פאַר דער ענגלישער רעגירונג מיט 15 טאָג צוריק.

בעת זײַן ערשטען וויזיט זאָל דער קעניג לע־פּאָלד האָבען מיטגעבראַכט אַ בריף פון׳ם איטאַלי־ענישען קעניג צום ענגלישען קעניג.

דער בעלגישער קעניג זאָל אויך אונטערשטיצען די פּאָליטיק פון׳ם בעלגישען אויסערן־מיניסטער, וועלכער פאָדערט, אַז די בעלגישע רעגירונג זאָל אָנטיילנעהמען אין די צוקונפטיגע אונטערהאַנדלונ־גען מיט דײַטשלאַנד.

אונזער וואָרט

דאָס פּראָבלעם

הײַנט דאַרף אין דעם „דזשעניק אוסטאַווו״ פּע־ערעפענטליכט ווערען דאָס געזעץ וועגען דער אַמנע־סטיע, און עטליכע צענדליג טויזענד מענשען דאַר־פען אַרויס אויף דער פרײַ.

מ׳זאָל זיי שוין מאָרגען, איבערמאָרגען אָנהויבען אַרויסצולאָזען, און אָט די אַמנעסטיע, וואָס דאַרף צו זײַן פאַר די בעפרײַטע אַרעסטאַנטען אַ גליק — די בעצייכענונג איז נישט איבערטריבען פאַר אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען שוין פערזוכט דעם טעם פון דער תּפיסה — אָט דאָס מיט דער גרעסטער אומגעדולד ערוואַרטעטע גליק קאָן זיך, — ווי עס ווילען און ווי עס שרײַבען פיל פּוילישע פּובליציסטען און פּעליטאָניסטען — אַרויסווײַזען פאַר אַ שווערען נסיון.

וואָרום וואָס וועלען קאָנען טון אָט אָ די טוי־זענדער מענשען, וועלכע זענען, אַזויצוזאָגען, אַרויס געשטויסען געוואָרען פון די רעלסען פון זייער טאָג־טעגליכען לעבען און אויסקום? וואו און ביי וואָס וועלען זיי זיך אָנאָרט און אַ קיום געפינען, בעת עס הערשט שוין לכתחילה אַזאַ שווערע אַרבייטסלאָ־זיגקייט און קריזיס?

וואו זענען עס די אַרבייטען, די פּאָסטענס, פאַר זיי אָנגעגרייט, וואו זיי, די „נײַגעבוירענע״ צום לעבען וועלען זיך קאָנען אײַנאָרדענען און געפינען זייער טאָג־טעגליכען אויסקום?

דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז שוין אַמאָל בעריהרט געוואָרען דורך טאָלסטאָי׳ען און דאָס — נישט אין אַ פאַל פון א מאַסען־אַמנעסטיע, נאָר אין אַן׳איינצעל־פאַל, פון וועלכען ער דערצעהלט פאָלגענדעס:

אַזוי־ווי פאַר׳ן אויסבאָרגען די גילאָטינע פאַר דעם פירשטענטום מאָנאַקאָ האָט פראַנקרייך געפאָ־דערט שווערע געלטער, האָט מען דאָרט בעגנעדיגט אַ שווערען פערברעכער און פערמשפּט איהם אויף אייביגע תּפיסה. אַזוי־ווי אָבער דאָס אויפהאַלטען איהם און זײַן וועכטער האָט אויך געדאַרפט קאָסטען אַ סך געלט, האָט מען געלאָזט אָפען די טיר פון זײַן טורמע־קאַמער... דער פערברעכער האָט זיך אָבער געמאַכט „תּם־וואַטע״, און איז אויף מאָר־גען געקומען נאָך זײַן פּאַרציע עסען...

דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט איהם געמוזט געבען אַ גרויסע ענטשעדיגונג, און פערזאָרגען מיט אַ לעבענס־רענטע, ביז מ׳איז איהם פון דער טורמע פּטור געוואָרען...

אַזאַ איז דער משל!

מען דאַרף פון איהם אָבער נישט לערנען, חלילה, אַז די אַמנעסטיע איז אַן׳אומגליק...

מען דאַרף בלויז אַרויסדרינגען דעם נמשל אַז וועגען די „בעגליקטע״ מוז זיך פערטראַכטען די געזעלשאַפט, און זיי אין דער צוקונפט צוהילף־צו־קומען.

ב.

איטאליענער פערברענט די קירכעס

בעת פערלאזען די שטאט אבי-אדי-אבי

דער שטורעם צוליב'ן באמבארדירן דעם אמבולאנס פון שוועדישען „רויטען קרייץ“

אדיס-אבעבא, 1 (ספ. טעל.)

אבונא קירילאס, דער קאפטישער ערץ־בישאף אין אביסיניען האט ארויסגעשיקט צו א רייה הויכע גייסטליכע אין דער גאנצער וועלט פראטעסט־דע־פעשען נעגען דעם, וואס די איטאליענער האבען אין אבי־אדי־אבי, אין דער פראווינץ טעמביען פער־ברענט די קירכען, בעת'ן פערלאזען די שטאט.

אבונא קירילאס פאדערט אויף די גייסטליכע פון דער גאנצער וועלט צו טאדלען דעם דאזיגען „חילול הקודש־אקט“, וואס איז געגען דעם קריסט־ליכען גייסט.

פאריז, 1 (ספ. טעל.)

די האוואס־אגענטור איז מודיע פון אדיס־אבע־בא: די ידיעה וועגען באמבארדירען דעם אמבולאנס פון שוועדישען „רויטען קרייץ“ האט ארויסגערופען גרויס עמפערונג צווישען די דאקטוירים פון אלע אומות, וועלכע זענען אנגעקומען קיין אביסיניען, כדי צו העלפען קראנקע און פערוואונדעטע.

פארשטעהער פון „רויטען קרייץ“ האבען זיך געווענדעט צום קייזערליכען פאלאץ כדי בעראטען זיך מיט הויכע אביסינישע בעאמטע וועגען דעם אופן ווי־אזוי צו פראטעסטירען געגען דער מיאוס'ער פערגוואלטיגונג פון די אינטערנאציאנאלע קאנווענ־ציען.

דער דעלעגאט פון דער אינטערנאציאנאלער אר־גאניזאציע פון „רויטען קרייץ“ האט ארויסגעשיקט אנ'ענטרישטען פראטעסט אין דער פעלקער־ליגע.

דער נעגוס האט ארויסגעשיקט צום שוועדישען קעניג א קאנדאלענץ־דעפעשע אין שייכות מיט'ן באמבארדירען דעם אמבולאנס. לעת עתה איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען די צאהל קרבנות.

פאריז, 1 (ספ. טעל.)

האוואס־אגענטור איז מודיע פון שטאקהאלם: די ידיעה וועגען דער באמבארדירונג פונם שוועדי־שען אמבולאנס דורך די איטאליענישע אעראפלא־נען האט דא געמאכט א געוואלדיגען רושם.

די שוועדישע ראדיא־סטאציע האט נעכטען אין אווענד טראנסמיטירט א ספעציעלע רעדע פון דעם שוועדישען ערצבישאף, ע'דעמא, געווידמעט דעם ענין, און אין וועלכען ער האט זיך בעזונדערס אפגער שטעלט אויף דעם מורא'דיגען בארבאריזם פון דער מלחמה, וואס איז א פועל יוצא פון נאציאנאלען עגאיזם.

פאריז, 1 (ספ. טעל.)

די האוואס־אגענטור איז מודיע פון שטאקהאלם: גאנץ שוועדען איז געהילט אין טיפען טרויער צוליב דעם אומגליק, וואס עס האט געטראפען דער שוועדישער מיסיע אין אביסיניען. די פאהנען אין שטאקהאלם זענען געהילט אין קרעפ.

לאנדאן, 1 (ספ. טעל.)

רייטער־אגענטור איז מודיע פון שטאקהאלם: די איטאליענישע געזאנדשאפט ווערט ספעציעל אפגעהיטען דורך אפטיילונגען פון רייטער־פאליציי. בעת די ניי־יאהר־פייערליכקייטען האט זיך דא געפיהלט א שטארקע אנטי־איטאליענישע שטימונג. די גאטעסדינסטען זענען געווען געווידמעט די קרבנות פונ'ם באמבארדירטען שוועדישען אמבו־לאנס. מען גרייט זיך דא צו גרויסע מאני־פעס־טאציעס.

שטאקהאלם, 1 (ספ. טעל.)

דער שוועדישער „רויטער קרייץ“ האט היינט בעקומען א דעפעשע פונ'ם קאנסול האנער, וועלכער איז מודיע, אז די נעכטיגע ידיעות מכוח'ן באמבאר־דירען דעם שוועדישען אמבולאנס זענען איבערטרי־בען, און אז אורטיילענדיג לויט די אינפארמאציעס וואס ער האט בעקומען אינ'ם אביסינישען אויי־סערן־מיניסטעריום, דארף מען זיך ריכטען, אז די קאטאסטראפע איז נישט אזוי גרויס.

שטאקהאלם, 1 (ספ. טעל.

דער רוב צייטונגען האט א־ויסגעגעבען עק־סטרא־בלעטער, אין וועלכע בעריהמטע יורזעגליכ־קייטען טאדלען אין שארפע ווערטער דעם מיאוסען טאט פון די איטאליענער. דער דעפ. פאוגט, מיטגליד פון דער שוועדישער דעלעגאציע ביי דער פעלקער־ליגע האט דערקלעהרט, אז מ'דארף, נישט איבער־קלייבענדיג אין מיטלען, מאכן א סוף צו דעם קריג.

פיל בישאפען דריקען אויס די איבערצייגונג, אז „דער כבוד פון דער גאנצער וועלט איז אנגע־גריפען דורך דער דאזיגער טראגעדיע“.

אנהלאגע אין דער פעלקער-ליגע

דער סאוויעטיש-אורוגוואישער קאנפליקט

מאסקווע, 1 (ספ. טעל.)

דער קאמיסאריאט פאר'ן אויסערן־האנדעל האט פערבאטען די סאוויעטישע ווירטשאפטליכע אינסטי־טוציעס איינצוקויפען פונ'ם 1 יאנואר אורוגוואי־שע סחורות.

די אורוגוואישע געזעלשאפט פאר'ן האנדעל מיט די סאוויעטען, „יוזאמטארג“ זאל ליקווידירט ווערען.

מאסקווע, 1 (ספ. טעל.)

„טאס“ איז מודיע, אז דער סאוויעטישער געזאנ־דטער אין אורוגוואי, מינקין, האט נעכטען איבערגע־געבען אינ'ם אויסערן־מיניסטעריום א צווייטע פראָ־טעסט־נאטע.

אין דער דאזיגער נאטע ווערט געפאדערט פון דער אורוגוואיער רעגירונג, אז זי זאל צושטעלען בעווייזען, דאס די סאוויעטישע געזאנדשאפט אין מאנטעווידעא האט ערטיילט פינאנציעלע הילף די בראזיליאנישע רעוואלוציאנערען.

מאסקווע, 1 (ספ. טעל.)

„טאסס“ איז מודיע:

דער קאמיסאריאט פאר אויסערן־ענינים האט ארויסגעשיקט צום גענעראל־סעקרעטאר פון דער פעלקער־ליגע א געשריפט מיט אנ'אנקלאגע אויף דער רעגירונג פון אורוגוואי.

שטיצענדיג זיך אויפ'ן פאראגראף 2 פונ'ם אר־טיקעל 1 פון דער פעלקער־ליגע, בעשולדיגט די סאוויעטען־רעגירונג אורוגוואי אין דער פערגוואל־טיגונג פונ'ם ארט. 12 פונ'ם פאקט, אין וועלכען עס ווערט גערעדט וועגען איבעררייסען דיפלאמא־טישע בעציהונגען אהן א פריהערדיגער דעציזיע פון א־ביטראזש־טריבונאל, אדער פון פעלקער־ליגע־ראט.

אויף די פראנטען אין מזרח-אפריקא

ווארשא, 1 (טעלעפאניש)

עס איז פער־עפענטליכט געווארען פאלגענדער קאמוניקאט וועגען דער סיטואציע אויף די פראנטען אין אביסיניען, דעם 1 יאנואר 1936.

לויט ענגלישע קוועלען האט דאס איטאליענישע מיליטער אויפ'ן עריטרעאישען פראנט פערבראכט די סילוועסטער־נאכט, שלאפענדיג מיט געוועהר אין די הענט, בעת ריזיגע רעפלעקטארען האבען בעלויכ־טען די סביבה, זוכענדיג דעם נעגנער. צוליב ניי־יאהר האבען די זעלנער בעקומען צוגאב־פארציעס און וויין.

אויפ'ן צפון־פראנט איז די סיטואציע — לויט ענגלישע קוועלען — נישט קיין גאר קלארע. די זעל־נער פונם ראס מולוגעט פערזאמלען זיך אויף דרום פון אדי־אבי.

דער אפיציעלער איטאליענישער קאמוניקאט איז מודיע וועגען דעם פערנעהמען דאגאנע אויף מזרח פון נאראהעי, אויפן דרום־פראנט, וואס איז א זעהר וויכטיגער סטראטעגישער פונקט.

דאגאנע איז פערנומען געווארען נאך פערביסענע קאמפען אויף באגנעטען.

אויף דער זייט פון די אביסיניער זאלען האבען געפאלען אנ'ערך 100 מאן.

שרעקליכע הידראפלאן=קאטאסטראפע

לאנדאן, 1 (ספ. טעל.)

דער ענגלישער קאמוניקאציע־הידראפלאן „סי־טי אף כארטום“ האט זיך צובראכען אין דער גע־גענד פון אלעקסאנדריען.

בעת דער קאטאסטראפע זענען אומגעקומען 12 מאן.

דער פילאט מיט 3 מיטגלידער פון דער מאנ־שאפט זענען ארויס גאנץ.

פראנצויזישע אעראפלא־מאטארען פאר איטאליען

פאריז, 1 (ספ. טעל.) לויט פרעסע־אינפאר־מאציעס, האט איין גרויסע פראנצויזישע פאבריק אוועקגעשיקט קיין איטאליען, דורך האמבורג, א טראנספארט אעראפלאן־מאטארען.

אין שייכות מיט די דאזיגע אינפארמאציעס איז פעראָרדענט געווארען אנ'אויספארשונג.

אויב עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען, אז די פרעסע־ידיעות שטימען מיט דער ווירקליכקייט, וועט לויט ווי עס טיילט מיט די האוואס־אגענטור—פער־פיהרט ווערען א געריכטס־פראצעס נעגען דער פאבריק, וואס האט די מאטארען ארויסגעשיקט.

לאדזער יוד. לאקאטארען און סובלאקאטארן=פאריין
געפינט זיך
אויף פיעטרקאווער 31, וו. 22,
טעלעפאן 264=38.
דער סעקרעטאריאט איז טעטיג טעגליך פון 6 ביז 9 אווענט. ס'ווערען געשריבען ביטעס, ערטיילט עצות. אויסגעגליכט סכסוכים און געפיהרט כל'ערליי דירות־ און עקסמיסיע־פראצעסען.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20, טעל. 213-84
פרייטאג=צו=נאכטס ד. 3 יאנואר 4.30 אוו. צומארגענס שבת פ' ויגש, ד. 4 יאנואר 9 פרי וועט דער וועלט־בארימטער אבערקאנטאר פון ווארשאווער סינאגאגע
משה קוסעוויצקי
דאווענען קבלת שבת, שחרית און מוסף
אויך דאסמאל וועט אנטיילנעמען אנ'אויסגעצייכנטער כאר
אונטער דער לייטונג פון בעוו. דיריגענט און קאמפאז. פראפ. י. זאקס
עס וועט אויסגעפיהרט ווערען פאלגענדע קאמפאזיציעס: 1) קבלת שבת פון נאוואקאווסקי, 2) שמעה ותשמח ציון — קוסעוויצקי מיט'ן כאר, 3) ד' מלך מיט'ן כאר, 4) אהבת עולם מיט'ן כאר, 5) השכיבנו — בערנשטיין פ־מאל מיט'ן כאר, 6) ושמרו — בירנבוים'ס מיט'ן כאר, 7) ויכולו — לעוואנדאווסק'ס מיט'ן כאר, 8 במה מדלי־קין, — בירנבוים'ס מיט'ן כאר, 9) אמר רבי אליעזר מיט'ן כאר, 10) קידוש מיט'ן כאר, 11) אל תירא — אלמאן מיט'ן כאר. שחרית און מוסף: 1) אל אדון — זאקס, 2) וכולם מקבלים, 3) והאופנים, 4) לאל ברוך נעימות יתנו, 5) צור ישראל, 6) 1־טע קדושה — גו־רעוויטש, 7) הוצאות הספר — בירנבוים, 8) בריך שמה, 9) זרעא חיא וקימא, 10) דעם גרויסען אב הרחמים, 11) ובנוחה יאמר, 12) 2־טע קדושה — זאקס, 13) רצה — סליאזבערג, 14) ברכת כהנים.
בילעטען צום פרייז פון 75 גר. צו בעקומען אין דער טער קישער קאנדיטאריי פעטריקאווער 12 און אין דער קא סע פון פילהארמאניע
פאר פריוען ספעציעל רעזערווירטע פלעצער.
בילעטען וועלען פערקויפט ווערען נאר ביז ליכט־צינדען
הנחה=בילעטען פאר פעראיינען און געזעלשאפטען.

יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט
אין לאדזש (וש. ט. כ.) וואולטשאנסקא 35, טעל. 121=53.
שבת. דעם 4־טען יאנואר, 9 א זייגער אוונט קומט פאר
א לייב מלאך-אוונט
געווידמעט זיין אפפאהרען קיין אמעריקע.
ס'נעמען אנטייל די דיכטער:
משה בראדערזאן, חיים לייב פוקס און ישראל ראבאן.
צום סוף וועט לייב מלאך לייענען א רעפעראט א. ד. ט.
„דאס יודישע ־ווארט איז גאר דער וועלט“.

„תומכי־אורחים“
פאמארסקא 18, טעל. 266-31
מיר טיילען מיט, דאס אין פעראיינס קאנצעלאריע אמטירט
אנ'אדוואקאט
יערען מאנטאג און מיטוואך פון 8 ביז 9.30 אוונט און ערטיילט
יורידישע עצות
פאר מיטגלידער, שטענדער און אונזער אינסטיטוציע און פאר אונטערמעגליכע— גענצליך אומזיסט.
א מינימאלען אפצאהל ווערט גענומען פאר דורכפיהרען פראצעסען.
נומערן צום אדוואקאט ווערען ארויסגעגעבען פון 5—7 אוונט.
די פערוואלטונג.

געדענקט, שטשעשליווי
ביי
צום ווינטער־סעזאן. א גרויסער אויסוואהל פון
אריגינעלע בילליגער און טאמאשאווער סחורות
אויף אנציגער און פאלטענס
פון די בעסטע קוואליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5
טעל. 156=09.
געדענקט פראנט II שטאק.

וויכטיג פאר דאמען
נאר 2 זל. ווערען פאר איבערגע־מאכט די עלטעסטע
היטען
אויף גאנץ ניי ווי אויך נייע היטען צו
3.50
„TOLA“
23 Zawadzka 23

די גאנצע געזעלשאפט
מוז זיך פעראייניגען אין דער אקציע פון בירגער־קאמיטעט
צו העלפען די ארימסטע!

לעזט און פערשפרייט
דעם נייעם
פאלקסבלאט

Dr. Wajnberg
ספעציאליסט פאר לונגען, הארץ און סקלעראז קראנקהייטען
פיעטריקאווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אן פון 9־10 פריה, 3־5, 8־9 אוו.

אוירען, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67. טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. אז. וו. ווי אויך אמבולאטא־רישעס פון 9־2 און פון 4־8 אוונט.

פאר גאלד,
ביזשוטעריע
און לאמבארד־קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

וואוקאפ פערבלייבט אויף נאך 5 יאהר הויך-קאמיסאר פון ארץ-ישראל

לאנדאן, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

דער קעניג האט פערלענגערט די נאמינאציע פון הויך-קאמיסאר וואוקאפ אויף ווייטערע 5 יאהר.

הילף-קאמיטעט פאר דייטשע פליטים אין ווארשא

געזעגנט זיך מיט'ן הויך-קאמיסאר מאסדאנאלד

ווארשא, 1 (יט"א טעלעפאניש)

דער הילפס-קאמיטעט פאר די דייטשע פליטים, האט ארויסגעשיקט א געזעגענונגס-בריף צו דזשעמס מאקדאנאלד צוליב זיין רעזיגנירען פון אמט אלס הויך-קאמיסאר פאר די פליטים-ענינים ביים פעלקער-בונד.

דייטשע רעגירונג אנערקענט די ציוניסטישע פאהן

בערלין, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

דער יט"א מעלדעט מען, אז די רעגירונג האט אפיציעל אנערקענט די ציוניסטישע בלוי-ווייסע פאהן פאר דער יודישער פאהן.

אין „דריטען רייך" שרעקט מען זיך פאר א קאלעקטיווער אקציע

דורך אנקלאגען דייטשלאנד צום גערעכטיגקייטס-טריבונאל אין האג

בערלין, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

צוליב דזשעמס מאקדאנאלד'ס אפטרעטען פון זיין אמט אלס הויך-קאמיסאר פאר פליטים-ענינים ביים פעלקער-בונד, איז אין „דריטען רייך" צו בעמערקען א שטארקע דענערווירונג. מ'האט מורא פאר א קאלעקטיווער אקציע געגען דייטשלאנד. בעזונדערס שרעקט מען זיך פאר דער אקציע פון דער טשעכאסלאוואקישער רעגירונג, וועלכע בעמיהט זיך צו בעוועגען אנדערע מלוכות, אנצוקלאגען די דייטשע רעגירונג צום גערעכטיגקייטס-טריבונאל אין האג און פאדערן ענטשעדיגונג פאר די אויסלענדער, וואס האבען געליטען פון נאצי-רעזשים.

דער מאקדאנאלד-בעריכט ווערט אין דייטשלאנד אינגאנצען פערשוויגען. די דייטשע פרעסע דערמאנט קיין ווארט נישט וועגען דעם בעריכט.

מאקדאנאלד'ס בעריכט איז א שווערע בעשולדיגונג

געגען דעם נאצי-דייטשלאנד

ניו-יארק, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

די גאנצע אמעריקאנער פרעסע פערעפענטליכט בסדר גרויסע ארטיקלען צו דער רעזיגנאציע פון הויך-קאמיסאר מאקדאנאלד.

דער „טיימס" שרייבט, אז מאקדאנאלד'ס בעריכט איז א שווערליכע בעשולדיגונג געגען נאצי-דייטשלאנד.

אנגענומען דעם פראנצויזישען בודזשעט

פאריז, 1 (ספ. טעל.)

נאך 24 שעה בעראטונגען, האט דער פראנצויזישער פארלאמענט היינט איינדערפריה אנגענומען ענדגילטיג דעם גאנצען ביודזשעט אויפ'ן יאהר 1936.

נאכ'ן אננעהמען דעם ביודזשעט האט דער פרעמיער לאוואל אין פארלאמענט, און דער יוסטיץ-מיניסטער אין סענאט, אדורכגעלייענט א דעקרעט וועגען שליסען די פארלאמענט-סעסיע.

צול'ב די סטודענטען-מאניפעסטאציעס איז קאירא

קאירא, 1 (ספ. טעל.)

די רעגירונג האט בעשלאסען ארומצורינגלען מיט א פערשטארקטער וואך דעם בנין, לואו עס קומט פאר דער כירורגישער קאנגרעס. די דאזיגע פעראָרדענונג איז א פועל יוצא פון די סטודענטען מאניפעסטאציעס אין דעם טאג, ווען דער קאנגרעס איז געעפענט געווארען.

אויסצופארשען די לאגע אין דייטשלאנד

איז געקומען דער אמעריקאנער וויצע-אויסערן-מיניסטער קיין בערלין

בערלין, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

קיין בערלין איז געקומען דער אמעריקאנער וויצע-אויסערן-מיניסטער פיליפ, זיך צו בעקענען מיט דער לאגע אין דייטשלאנד.

ווי מ'רעכענט שטעהט דער וויזיט אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס אמעריקא האט בדעה שארף ארויסצוטרעטען געגען די שיקאנעס פון דער דייטשער רעגירונג געגען יודען — אמעריקאנער בירגער.

יודישע דעלעגאציע פון קאוונע

ארויסגעפאהרען קיין מאסקווע אונטערהאנדלען וועגען בירא-בידזשאן

קאוונע, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

פון קאוונע איז ארויסגעפאהרען קיין מאסקווע א דעלעגאציע פון פאלקיסטען צו פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען בירא-בידזשאן.

Dr. med.
A. Banasz
כירורג - אורא לאג
Wólczańska 23, tel. 139-88
האט בעצייט די אויפנאהמען.
נעהמט אן פון 4—6 נאכמיטאג.

דערהרג'עט די מוטער און 4 קינדער שווער פערוואונדעט

שוידערליכער רויב-מארד אין א דארף אונטער ראדאם

ראדאם, 1 (יט"א טעלעפאניש)

אין דארף וואליא אונטער ראדאם איז אויסגעפיהרט געווארען אן אכזריות'דיגער רויב-אנפאל אויף א יודישער פאמיליע.

פערמאסקירטע באנדיטען זענען בעפאלען די וואוינונג פון דעם איינציגען יוד, וואס וואוינט אין דעם דארף, הערשעל פלאָרענץ. די פרוי איז דערהרג'עט געווארען און 4 קינדער שווער פערוואונדעט ביי איין קינד האבען די רוצחים אפגעביסען א האנד. הערשעל פלאָרענץ איז געלונגען ארויסצושפרינגען דורכ'ן פענסטער און גערופען פאליציי. 3 באנדיטען זענען ארעסטירט געווארען. די לאגע פון די קינדער איז א האפענונגסלאזע.

אויסגעהאקט די שויבען אין ענגלישען קאנסולאט אין קאוונע

אלס פראטעסט געגען לעגיסלאטיווען ראט

קאוונע, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

היינט זענען אויסגעהאקט געווארען עטליכע שויבען אין בנין פון ענגלישען קאנסולאט.

ווי מ'רעכענט, זאל דאס זיין אן אויסדרוק פון פראטעסט געגען דעם לעגיסלאטיווען ראט. קיינער איז נישט ארעסטירט געווארען.

בעגרענצונגען פאר „אינטוריסטען"

פאריז, 1. (ספ. טעל.) „לע זשורנאל" איז מודיע פון מאסקווע, אז עס זענען דארט ארויסגעגעבען געווארען נייע פארשריפטען פאר טוריסטען פון אויסלאנד.

די נייע פארשריפטען בעגרעניצען שטארק די פרייע בעוועגונג פון די טוריסטען אויפ'ן טעריטאריום פון ראטען-פערבאנד.

צ. א. ווערט די טוריסטען פערווערט צו בעזוכען א ריידה געגענדען אין צפון-סיביר.

פוסבאל-מעטש: מאסקווע — פאריז

פאריז, 1 (ספ. טעל.)

אין דער אנוועזענהייט פון 25 טויזענט מאן איז דא פארגעקומען אן אינטערעסאנטער פוסבאל-מעטש צווישען דער רעפרעזענטאנץ פון מאסקווע און דעם פאריזער ראסינג-קלוב.

די רוסישע דרוזשינע איז דורכ'ן ריזיגען עולם אויפגענומען געווארען מיט ענטוזיאזם און מיט'ן געזאנג פון „אינטערנאציאנאל".

דער רעזולטאט פון מעטש איז 1:2 (1:1) לטובת די פראנצויזען.

ווי דער „מכבי" וויל...

פראג, 1 (ספ. טעל.)

דער טשעכאסלאוואקישער אלימפישער קאמיטעט האט געגעבען אן אפיציעלען ענטפער דעם טשעכישען מכבי-פערבאנד, אין וועלכען עס ווערט צ. א. געזאגט:

מחמת דער לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד, בעשליסט דער אלימפישער קאמיטעט, אז אלע יודישע ספארטלער, טשעכישע בירגער, וועלען האבען פולע פרייהייט אין דער דעציזיע צו אנטיילנעהמען אין די אלימפישע שפילען.

הספד וועגן פערשטארבענעם קינסטלער יששכר-בער ריבאק

(רעדע געהאלטען אין זאל פון דער יודישער רעאל-גימנאזיע אין ווילנע)

אויף מיין גורל איז אויסגעפאלען די טרויעריגע אויפגאבע צו מאכען אין ווילנע דעם ערשטען הספד נאך דעם אקארשט פערשטארבענעם יודישען קינסטלער יששכר-בער ריבאק. כ'בעטאן ס'ווארט „יודישען" שוין צוליב דעם אליין, ווייל ריבאק איז אין דער יודישער קינסטלער-קאלאניע פון פאריז געווען דער סאמע פאלקסטימליכסטער. נישט נאר אויף די לייוונטען זיינע, נאר אויך אין זיין פריוואטען לעבען איז ריבאק געווען (ווי טרויעריג עס איז אונז צו זאגען בנוגע דעם יוגענדליכען ריבאק דאס ווארט „געווען"), איז ריבאק אומעטום און שטענדיג געווען דער נאהענטסטער און דער היימישסטער צווישען אונז אלעמען.

ריבאק האט געהאט מיטגענומען אין זיין ווייטען וואנדער-וועג די געבראכענע ליניעס און די טונקעלע קאלירען פון דער אלטער היים. ער האט פון זיי קאמפאנירט די אלע אויס- און ווי-גע-שריען פון דעם קליינשטעטלדיגען טיפאוש, וואס עפילירט דורך אין די ווערק פון אונזערע קלאסיקער.

מעהרערע בילדער ריבאק'ס וואלטען געקענט דינען פאר די בעסטע אילוסטראציעס צו די ווערק פון מענדעלע, פרץ און שלום עליכם.

ערשט די יודישע קאלאניעס אין קרים האבען עהאט אויסגעגלייכט אביסעל די רוקענס פון ריבאק'ס „העלדען", זיין אלבאם פון די דאזיגע קאלאניעס איז געווארען א נייער עטאפ אין ריבאק'ס קינסטלערישען אויפשטייג.

פון ריבאק'ס לייוונטען האט אין די יאהרען 1924—25 אנגעהויבען שמעקען מיט פרישען היי און מיט נייעם בטחון.

ווען ריבאק וואלט נישט געווען פערלאזט דענסטמאל דעם ראטען-פערבאנד — וואלט ער זיכער געווארען דער ערשטער געשטאלטער פון דעם יודישען איבערבוי אין די סטעפעס פון אוקראינע און אין די „טייגעס" פון בירא-בידזשאן.

האבען איהם אבער די פערפיהרערישע פייערען פון פאריז פערפיהרט אין יענער וועלט-שטאט, וואו אויף יעדען טויזענד איינוואוינער איז פערהאן נאך מעהר ווי איין „קינסטלער".

פון די אנ'ערך 6 טויזענד קינסטלער, וואס האבען שוין געהאט דאס גרויסע גליק צו זעהען אמאל זייער נאמען אין וועלכען נישט איז פאריזער אויסשטעלונגס-קאטאלאג, זענען פערהאן הלוואי 600, וואס די נעמען זייערע זענען שוין מעהר אדער ווייניגער בעקאנט אין די פאריזער קונסט-קרייזען. פון די דאזיגע 600 זענען פערהאן הלוואי 60, וועלכע קענען מאכען א לעבען פון זייער קונסט, אפילו ביי די איצטיגע שווערע בעדינגונגען.

האט זיך ריבאק מיט זיינע געטא-מאטיווען און געטא-פארבען געהאט ארויפגעארבייט פאר דעם קארגען יאהר-צעהנדלינג אין פאריז צו ווערען איינער פון אט די 60.

די יודישע פאלקסקונסט פון דער אלטער היים האט א דאנק ריבאק'ן זיך געהאט דורכגעשלאגען א וועג צו די מאדערנע קונסט-סאלאנען און בילדער-גאלעריען פון פערשידענע שטעט און לענדער.

אבער צוזאמען מיט די פערקויפטע לייוונטען האט דאך אויך אנגעהויבען פערשווינדען פון ריבאק'ס אטעליע דער גאנצער קליינשטעטלדיגער טיפאזש וועלכען ער האט געהאט מיטגעבראכט פון דער אלטער היים.

האט ריבאק אנגעהויבען שטארק בענקען נאך זיינע אלט-היימישע „משפחה-לייט", וואס פלעגען איהם שאפען שטימונג און געבען איהם אינספיראציעס פאר זיין ווייטערדיגער שעפערישער ארבייט.

האט ריבאק פאוואליע אנגעהויבען ארונטערצונעמען זיינע „העלדען" פון די לייוונטען און זיי איבערקנעטען אין ליים. אזוי ארום איז ריבאק געקומען צום איינפאל פון שאפען א יודישע קעראמיק. ערשט מיט א יאהר צוריק האט ריבאק אנגעהויבען אריבערטראגען פון די ווענט אויף טישען און פאליצעס אלע זיינע היימישע העלדען און ער איז תיכף געקרוינט געווארען מיט א גרויסען הערפאלג אין די אלע קרייזען, וואו דער נאמען ריבאק איז שוין געווען געקאנט און בעליבט.

אויך אין די יודישע קרייזען פון פאריז האט מען זיך בעזונדערס שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם נייעם קינסטלערישען פערמעסט ריבאק'ס, שוין צוליב דעם אליין אפשר, וואס יודען פערמאגען דאך נישט קיין ווענט. „מען שלאגט זיך קאפ אן וואנט", „מען קריכט אויף גלייכע ווענט", „מען פיהרט צו-נויף א וואנט מיט א וואנט", אבער האבען ווענט, סטאבילע ווענט, אויף וועלכע מען זאל קענען אויסהענגען בילדער, ברייטע בילדער פון גרויסע יודישע (און נישט יודישע) קינסטלער (א חוץ די פארטרעטען פון ווילנער גאון און מאנטעפיארע) — אט אזעלכע יודישע ווענט זענען פאר די לעצטע 20 יאהר כמעט אינגאנצען פערשוואונדען.

גאנץ אנדערש איז עס מיט א יודישער קעראמיק, וואס לאזט זיך אוועקשטעלען אויף א טיש, אויף אן אלמער, אויף א בופעט. אזעלכע פיגורקעלעך לאזען זיך אויך פיל בעסער איינפאקען, ווי די ברייטע שווער-בעראמטע לייוונטען. מען קען זיי אויך פיל לייכטער מיטנעמען אין ווייטען וועג אריין...

צוליב דעם אליין שוין זענען ריבאק'ס פיגורקעס — די שרכנים און פרחנים, די שופרות-הענדלער און קאטערינשטשיקעס, די ליכט-בענשערקעס און מחותנת'טעס — געווארען באלד זייער פאפולער און בעליבט אויך אין די יודישע קרייזען פון פאריז.

ביי דער לעצטער אויסשטעלונג ריבאק'ס אין פאריז האט שוין, ליידער, דער מייסטער אליין גע-פעהלט. ער איז שוין געלעגען אין א קליניק און גע-קעמפט מיט'ן טויט.

נאר די פיגורקעלעך אליין האבען געקענט דער-צעהלען די בעזוכער פון דער אויסשטעלונג וועגען דעם גרויסען עקסטאז פון דעם פאלקסטימליך-יודישען קינסטלער, וואס איז פלוצלינג אראפגעשפרונגען פון זיינע לייוונטען און מעשה חסיד אנגעהויבען טאנצען אויף די טישען און בופעט.

אבוער ער אליין, ריבאק, איז שוין נישטא מעהר! זיין יודיש-חסידישער עקסטאז איז פערקער-פערט געווארען אין אט די „טוליםלעך", וואס אלע זייערע יודישע קניטשען און קרימאסען זענען פער-הארטעוועט געווארען דורך די 7 פייערן פון די פא-ריזער קאלמאריוועס.

זיי וועלען אונז שטענדיג קענען דערציילען פון ריבאק'ס שטימונגען און בענקשאפטען, פון ריבאק'ס דערהויבונגען און פערמעסטונגען, אבער נישט פון ריבאק דעם מענטש, פון ריבאק דעם פריינד און חבר, און פון ריבאק דעם קולטור-טוער און קולטור-בויער, וואס פלעגט שטענדיג אונטערשטעלען זיין אקסעל ביי יעטוועדער נייער קולטור-התחלה אין קיעוו צי אין מאסקווע, אין בערלין צי אין פאריז. אט דער ריבאק איז אוועק פון אונז אויף אייביג און ער וועט פעהלען נישט נאר דער יודיש-יודישיסטישער קא-לאניע פון פאריז, ער וועט אויך פעהלען דער גאנ-צער יודישער קולטור-וועלט.

ווי שווער ס'איז איצטער צו פערלירען א פריינד און א חבר (זיי זענען דאך אזוי וועלטען!), אבער נאך שווערער איז צו פערלירען פלוצלינג א יודישען קול-טור-בויער, וואס איז געפאלען אין מיטען טריאומף גאנג.

אזא איינעם קען קיינער נישט פערבייטען.
אזא איינעם קען קיינער נישט פערגעסען!

ד. טשארני

פֿינאַנץ־מיניסטער און בילדונגס־מיניסטער
װעגען זײערע פּלענער אױפֿ'ן נײַעם יאָהר

אין שײכות מיט דעם נײַעם יאָהר האָט דער מיטאַרבײטער פֿון „אי. ק. צ." אַדורכגעפֿיהרט געשפּרעכען מיט דעם פֿינאַנץ מיניסטער קװיאַטקאָװסקי און בילדונגס - מיניסטער שװיענטאָסלאַװסקי װעגען די נאָהענטסטע אױפֿגאַבען און פּלענער פֿון די דאָזיגע רעסאָרטען.

מיניסטער קװיאַטקאָװסקי האָט צװישען אַנדערעס ערקלערט, אַז דער ערשטער לאָזונג אױף דעם יאָהר 1936 דאַרף זײַן: דורך דער פֿערבעסערונג און אױסבױ פֿון דער עפֿענטליכער און פּריװאַטער װירטשאַפֿט געהען צו בעסערע פֿאָרמען, װאָס זאָלען זיך שטיצען אױף אַ ברײטען געזעלשאַפֿטליכען יסוד פֿון אינערליכען פּאָליטישען לעבען.

עס הערשט די אַלגעמײנע איבערצײגונג, אַז דער איצטיגער װירטשאַפֿטליכער צושטאַנד איז אַ שװערער. עס אונטערליגט נישט קײן שום ספֿק, אַז אַלע אין פּױלען אָהן שום אױסנאַהם, װילען זי זעהען אין װירטשאַפֿטליכער הינזיכט אַנדערש װי זי איז איצט.

דעריבער איז דער צװײטער לאָזונג אױפֿ'ן יאָהר 1936: זאָל יעדער בירגער אױפֿ'ן געביט פֿון זײַן טעטיגקײט און זײַנע פֿונקציעס זיך בעמיהען צו געהען כאָטש אױף אײן שריט פֿאָראױס, זאָל ער זײַן אַרבײט אױספֿיהרען עטװאָס בעסער און ענערגישער! זאָל די אַדמיניסטראַציע פֿון דער צײטונג פֿערפֿולקאָמען טעכניש איהר צײטונג און זאָל זי ערװערבען אַ גרעסערע צאָהל אַבאָנענטען. זאָל אַ בעאַמטער געשיקטער, געװיסענהאַפֿטער און העפֿליכער ערלעדיגען אַ גרעסערע צאָהל ענינים און קליענטען; זאָל דער פֿאַבריקאַנט דורך דעם פֿערפֿולקאָמען די פּראָדוקציע מעטאָדען פֿערקלענערען זײַנע הוצאות, זאָל ער אױסאַרבײטען דעם פֿערדינסט, זאָל ער זיך בעמיהען צו העכערען דעם לױהן פֿון זײַנע מיטאַרבײטער; זאָל יעדער סוחר זיך ערװערבען נײַע אָפּנעהמער, אָדער אַן אַנדערען אַרבײטס־מאַרק, זאָלען די פּױערען זיך פֿערלעגען קלײנע אָבער געזונדע קאָאָפּעראַטיװען; זאָל יעדער בירגער אַלאַרמירען אױף דער ידיעה — אַ ריכטיגע און קאָנטראָלירטע — װעגען מאַרנעװען דעם עפֿענטליכען גראָשען, זאָל ער מיטאַרבײטען און אױסראָטען דעם שטות און גײסטלאָזען ביוראָקראַטיזם, זאָל ער אָנאַקירען די בולטע ערשײנונגען פֿון פּראָטעקציע אָדער עגאָאיזם!

װעגען די האָראָסקאָפּען אױפֿ'ן יאָהר 1936 האָט דער מיניסטער געזאָגט, אַז דאָס יאָהר װעט זײַן אַ שװערערס, אפֿשר נאָך שװערער פֿאַר'ן מלוכה אוצר װי פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. דאָס װעט זײַן דאָס ערשטע יאָהר פֿון קאַמף מיט'ן אימפּעט פֿון ביודזשעט דעפֿיציט. די מלוכה קאַסעס װעלען נאָך װײַטער זײַן בעלאַסטעט מיט חובות, װאָס זענען ענטשטאַנען אין דער פֿערגאַנגענהײט. קײן שום נס װעט אונז פֿון די דאָזיגע שװעריקײטען נישט אַרױסראַטעװען. די דאָזיגע שװעריגקײטען מוזען מיר אָבער בעהערשען, װײַל אין דער אַטמאָספֿערע פֿון דױערענדען דעפֿיציט אין דער מלוכה װירטשאַפֿט װאָלטען מיר נישט געקענט מאַכען קײן אײן שריט פֿאָראױס אין דער אױפֿבױ פֿון דער געזעלשאַפֿטליכקײט.

דעריבער װעט די דריטע לאָזונג אױפֿ'ן יאָהר 1936 זײַן: בױען די פֿונדאַמענטען פֿון אונזער צוזאַמענאַרבײטען אױפֿ'ן בעװאוסטזײַן אַז געזונד מאַכען אונזער װירטשאַפֿט קען נאָר אונזערע אײגענע, האַרמאָניזירטע און סאָלידאַרישע אָנשטרענגונג: אַז נאָר אין פּױלען — און נישט מחוץ פֿון איהרע גרעניצען — קענען מיר ענדעקען נײַע מאַטעריעלע און מאָראַלישע װערטען, און נײַע כּוחות װאָס זאָלען זײַן פֿעהיג צו בעזיגען די גרעסטע שװעריגקײטען.

װער עס פֿאָדערט פֿון זיך אַלײן אַ סך, װער עס קען אױסגלײַכען זײַן פּריװאַטען ביודזשעט, װער עס ערפֿילט ערליך זײַן חוב לגבי דער מלוכה, דער האָט אַמשטאַרקסטען און אַמקאָנקרעטסטען דאָס רעכט צו פֿאָדערען פֿון דער רעגירונג, אַז זי זאָל פֿון זיך אַרױסבעקומען די גרעסטע סומע גלײַכגעװיכט, אַרבײטסזאַמקײט.

די ערשטע אױפֿגאַבען זענען אָנגעצײכענט געװאָרען צום סוף פֿון יאָהר 1935 כמעט אױטאָמאַטיש — זי איז אַרױסגעפֿלאָסען פֿון דער אַקטועלער לאַגע. איך רעכען, אַז איך האָב נישט קײן טעות אין דער אָביעקטיװער אָפּשאַצונג: די הױפּט־אױפֿגאַבען זענען בעשטאַנען אָפּצושטעלען דעם אימפּעט פֿון ראַד פֿון ביודזשעט דעפֿיציט, און אָרדנונג ברענגען דעם פֿינאַנסיעלען מאַרק, אין אױסגלײַכען דעם צוברעכענעם און דעזאָרגאַניזירטען פֿראָנט פֿון דער דעפֿלאַ[illegible] פּאָליטיק און אין מאַכען דאָס װירטשאַפֿטליכע לעבען פֿעהיג צו אַ אָפֿענסיװע.

דער בילדונגס - מיניסטער שװיענטאָסלאַװסקי האָט אױף פֿאָלגענדען אופֿן קאָנקרעטיזירט זײַנע פּלענער אױפֿ'ן יאָהר 1936:

איך בין אין דער מײנונג, אַז די ערשטע אױפֿגאַבע פֿון בילדונגס מיניסטער איז צו שאַפֿען די בעסטע בעדינגונגען, בכדי אָנצוצינדען אין דער יוגענד דאָס שטרעבען צו אַרבײטען פֿאַר אַ בעסערען מאָרגען פֿון פּױלען, אַז די יוגענד זאָל ליב בעקומען די אידעע פֿון דינען דעם לאַנד.

די פֿילזײַטיגקײט פֿון קאָלעקטיװען לעבען און נאָך מעהר די דיפֿערענצירונג פֿון די שטימונגען, כאַראַקטערען און גײסטיגע אײגענשאַפֿטען איז גורם, אַז עס איז אונמעגליך צו דערגרײכען די אײנהײטליכקײט פֿון געדאַנק און געפֿיהלען אין די מאַסען פֿון דער יוגענד. להיפּוך, די פֿערשידענאַרטיגקײט פֿון די געדאַנקען און אידעען, כאַראַקטערען און מענשליכע געפֿיהלען בילדען דאָס רײַכטום אױף װעלכען עס שטיצט זיך די ענטװיקלונג פֿון דער קולטור. עס האַנדעלט זיך נאָר אין דעם הױכען עטישען ניװאָ בײַ װעלכען ברוטאַלע עקסצעסען פֿון דער יוגענד, װאָס בעשמוצען איהר גוטען נאָמען, זאָל פּשוט װערען אַ אונמעגליכקײט. איך גלױב, אַז עס װעט זיך שאַפֿען אַ אַטמאָספֿערע אין װעלכער די עלעמענטען, װאָס בעשמוצען דעם נאָמען פֿון אַקאַדעמיקער װעלכע פֿערשװינדען און אױף זײער אָרט װעלען זיך אַרױסרוקען די גרופּען יוגענד, װאָס זײערע אידעען און אױפֿריכטיגע ליבע פֿון דער װעלט פֿון אײגענע געדאַנקען און געפֿיהלען פֿערדינט נישט פֿעראורטײלט צו װערן.

װעגען זײַנע פּלענער האָט דער מיניסטער געזאָגט, אַז ער װאָלט געװאָלט, אַז יעדער זאָל אַדורכגעהען אַ שולע פֿון פֿיזישע אַרבײט און זאָל מיט שטאָלץ קענען דערמאָהנען, אַז ער האָט עפּעס געטון פֿאַר פּױלען. אַ חוץ דעם דאַרף די שולע צוגעװעהנען די יוגענד אױסצופֿיהרען קאָלעקטיװע אַרבײטען. אױפֿ'ן דאָזיגען אָפּשניט פֿון ערציהונג דאַרף מען ענטװיקלען דיסציפּלין און דאָס בעװאוסטזײן פֿון דער נױטיװענדיגקײט זיך אָפּצוזאָגען פֿון דעם אינדיװידואַליזם פֿון יחיד.

צום סוף האָט דער מיניסטער נאָך צוגעגעבען, אַז ער װאָלט געװאָלט, אַז אין דעם גרױען טעגליכען לעבען זאָל הערשען רוה און גלױבען אַז אין זײַן רעסאָרט װעט געפֿיהרט װערען אַ אָנגעשטרענגטע אַרבײט בכדי צו פֿערזיכערען פֿאַר דער אַרמעע פֿון פֿיל טױזענטער לעהרער די בעסטע בעדינגונגען אױסצופֿיהרען זײער בכבודיגע ראָלע פֿון דעם ערציהער פֿון דער יוגענד.

אַנטאָני סלאָנימסקי אַלס „אינפֿאָרמאַטאָר" אין אַמעריקאַ
װעגען דער לאַגע פֿון די פּױלישע יודען

אַנטאָני סלאָנימסקי איז געװען אין אַמעריקאַ און איז זיך דאָרטען צוזאַמענגעקומען מיט פֿערשידענע מענשען: יודען און נישט־יודען און האָט אױך זעלבסטפֿערשטענדליך גערעדט װעגען פֿערשידענע פּױלישע ענינים.

אין זײַן לעצטער װעכענטליכער כראָניק אין דער „װיאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" דערצעהלט ער פֿאָלגענדען פֿאַקט:

„איך האָב גערעדט אין אַמעריקאַ מיט אַ געװיסען אַלטען העבר װעגען דער יודישער פֿראַגע. דער אַלטער העבר איז געװען אַ יוד פֿון פּױלען און האָט זיך מיט מיר שטאַרק פֿערנומען בעת אַ געװיסער אױפֿנאַהמע אױף װעלכער איך האָב געהאַט דאָס פֿערגניגען זיך מיט איהם צו בעקענען. ער האָט מיך אַרײַנגעצױגען (אין אַ בעזונדערען זאַל, האָט מיר אָנגעגאָסען װהיסקי און האָט מיך אַרומגערינגעלט מיט אַ זעהר ספּעציפֿישע גינסטיגקײט, װעלכע מען װײַזט אַרױס כּשרפֿים, אָדער װעלכע מען װענדעט אָן לגבי טעליטענטע פֿון אַ פֿערפֿליצונג. „עס איז שװער"? — האָט ער מיך געפֿרעגט אַדורכנעמענדיג, אַדורכדרינגענדיג מיך מיט זײַנע ערהליכע בלױע אױגען. „עס איז איך שװער?" „װאָס?" „מען פּײַניגט, מען פּײַניגט זעהר?". די דאָזיגע פֿראַגען האָבען זיך בעצױגען צו דער לאַגע פֿון די יודען אין פּױלען. עס איז געװען אַזױ פֿיל זאָרג און מיטגעפֿיהל אין זײַן נאָגנבעטעהמען זיך, ער האָט מיר אַזױ אױסגעגעבען די קישעלער אױפֿן פֿאָטעל, װי איך װאָלט װירקליך געװען אַ קרבן פֿון אַ אינקװיזיציע, װאָס איז אַרױסגעריסען געװאָרען פֿון דער ראַד פֿון פּײַניגונגען דורך דער שיף „פּילסודסקי", אַזאַ האַרציקײט פֿערפֿליכטעט. עס װאָלט עפּעס געװען גאַריש פּשוט צו ענטפֿערן: „נײן מען פּײַניגט נאָהנישט" אָדער „װאָס חלומט זיך אײַך"? מיט אײן װאָרט עפּעס פּשוטעס און פּאַסיגעס. איך האָב זיך מיט איהם אַרײַנגעלאָזט אין אַ ברײטערע און ערנסטע דיסקוסיע און איך מוז מודה זײַן, אַז דאָס װאָס איך האָב גערעדט האָט בײַ איהם אַרױסגערופֿען אַ אונבעשרײַבליכע פֿערװאונדערונג. איך האָב איהם אױפֿגעקלערט װיפֿיל ליגנער און איבערטרײַבונגען עס ענטהאַלטען די אינספּיראַציעס, װעלכע ער שעפּט פֿון דער אַמעריקאַנישער פּרעסע און האָב זיך בעמיהט פֿעסטצושטעלען די אַנדערע זײַט פֿון דאָזיגען יודישען מעדאַל װאָס װערט געקלאַפּט דורך די פּאַליאַקען".

מיר װײסען נישט אױף װאָס פֿאַר אופֿן אַנטאָני סלאָנימסקי האָט געשילדערט די „צװײטע זײַט פֿון דעם יודישען מעדאַל" ער שרײַבט װעגען דעם גאָרנישט, אָבער פֿון זײַנע װײַטערדיגע בעטראַכטונגען אױף דער זעלבער טעמע קען מען מעהר װײניגער װעגען דעם האָבען אַ בעגריף.

סלאָנימסקי האַלט, אַז די יודען האָבען דעם שם פֿון אַ קלוג פֿאָלק און די דאָזיגע אַלגעמײנע מײנונג האָט שױן לאַנג אַרױסגערופֿען זײַן אונצופֿרידענהײט. „די יודישע חכמה שעפּט זיך אַגים, װי מען דאַרף אָננעהמען, אין די פֿערװיקעלטע און נעטוג פּראָבלעמע תּלמודישע פּלפּולים, זײ האָבען אַ גרױסע מײנונג װעגען זײער ניכטערקײט, און זײ קענען נישט מאַכען די קלענסטע זאַכען. זײ קענען נישט רעדען, געהן, זײ קענען נישט מענשליך צוזאַמענלעבען".

סלאָנימסקי דערצעהלט װײַטער, אַז אין אַ געװיסען זונטאָג איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַ צוקערניע אױפֿ'ן מאַרשאַל פּלאַץ, װאו עס קומען זיך געװעהנליך צוזאַמען די אַרטיסטישע קרײַזען, עס איז דאָרטען געװען אַזאַ ענגשאַפֿט, אַז עס איז אונמעגליך געװען צו געפֿינען אַ לײדיגען פּלאַץ. „די צוקערניע — שרײַבט סלאָנימסקי — איז געװען פֿול מיט אַ שרײַעדיג יודישען פּובליקום. און זונטאָג איז דאָך נישט קײן יודישער יום טוב. װאָס האָבען זיך די דאָזיגע מענשען דװקא אין דאָזיגען טאָג אין אַזעלכע מאַסען אונגעװאַליעט אין אַ צוקערניע פֿון אַ ליטעראַריש־אַרטיסטישען כאַראַקטער?"

סלאָנימסקי קומט צום אױספֿיהר, אַז די צוקערניע האָט אַזאַ ערפֿאָלג װײַל עס איז די שעהנסטע נישט־יודישע צוקערניע פֿונם יודישען שטאָטטײל.

פֿון די דאָזיגע בעמערקונגען קען מען זיך שױן פֿעסטשטעלען װיאַזױ עס האָט אױסגעזעהן די צװײטע זײַט פֿון יודישען מעדאַל". סלאָנימסקי זעהט אױס האָט אױף זיך גענומען אין אַמעריקאַ די ראָלע צו קעמפֿען געגען דער „גרױל פּראָפּאַגאַנדע" פֿון די פּױלישע יודען אין אַמעריקאַ. זעהר אַ דאַנקבאַרע ראָלע.

עס װילט זיך נאָר װיסען צי סלאָנימסקי האָט אױך דער האַרציגקײט פֿון אַלטען אַמעריקאַנישען יוד אָפּגעענטפֿערט מיט אױפֿריכטיגקײט. צי האָט ער איהם ערקלערט אַז אמת זײַן זײדע איז טאַקע געװען אַ חסיד׳ער יוד, אָבער ער, סלאָנימסקי, איז עס שױן לאַנג נישט און האָט מיט יודישקײט קײן שום שײַכות נישט, מעגליך אַז דאַן װאָלט דער אַלטער אַמעריקאַנישער יוד נישט געװען אַזױ פֿערװאונדערט איבער זײַנע רײד. און זײַן תּשובה: „נײן, מען פּײַניגט נאָהנישט!" װאָלט בײַ דעם אַמעריקאַנער אַרױסגערופֿען געװיסע ספֿקות, װײַל זי קומט דאָך פֿון אַ מענש, װאָס האָט איבערגעריסען מיט יודען, קען נישט דאָס טרױעריגע און שװערע לעבען פֿון די ברײטע יודישע מאַסען זעהט נישט זײער באָרען און האָפֿנונגסלאָזיגקײט און מאָר דעריבער נישט נעהמען קײן װאָרט אין דער פֿראַגע. יאָ, סלאָנימסקי, שטײסט זיך אַמאָל צוזאַמען מיט אַ יודישען שרײַענדיגען צוקערניע המון (אַגב װעגען זונטאָג: װײסט דען נישט סלאָנימסקי, אַז זונטאָג איז טאַקע אַ יודישער „יום טוב", אמת, אַ אױפֿגעצװאונגענער און געגען דעם װילען פֿון די יודישע מאַסען — אַ חוגא טאָג) אָבער דאָס גיט איהם נאָך נישט דאָס רעכט צו רעדען אַז מען פּײַניגט אָדער מען פּײַניגט נישט.

עס אינטערעסירט אונז נישט װי עס זעהט אױס די צװײטע זײַט פֿון סלאָנימסקיס יודישען מעדאַל. מיט אַ סך פֿון זײַנע מײנונגען װעגען דעם יודישען סנאָב װאָלט מען אפֿשר געקענט מסכּים זײַן. אונז אינטערעסירט נאָר אַ צװײטע זאַך, צי רעדענדיג מיט דעם האַרציגען אַלטען אַמעריקאַנישען יוד װעגען דער ערשטער זײַט פֿון מעדאַל איז ער אױך געװען אױפֿריכטיג און צי האָט ער בעת ער האָט גענומען אױף זיך די ראָלע פֿון אינפֿאָרמאַטאָר װעגען דער יודישער לאַגע אין פּױלען געהאַט דאָס טיפֿע בעװאוסטזײן, אַז ער רעדט װעגען אַ ענין װאָס ער קען איהם גוט.

װען נישט װאָלט דאָס געװען נאָכמעהר װי אונאױפֿריכטיגקײט.

איבער 10 טױזענט בריף האָט בעקומען ריכטער בראָדזקי
נאָך זײַן פּסק־דין אין „ברעמען"־פּראָצעס

אַ מיטאַרבײטער פֿון אַ פּױליש יודישע צײטונג האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם אַמעריקאַנישען ריכטער לואיס בראָדזקי, װעלכער איז בעריהמט געװאָרען אױף דער גאַנצער װעלט דורך זײַן װערדיקט אױף די בעשולדיגטע אין בעלײדיגען די פֿאָהן מיט דעם האַקענקרײַץ אױף דער שיף „ברעמען", ריכטער בראָדזקי האָט דאַן ערקלערט אַז די װאָס האָבען בעלײדיגט דעם האַקענקרײַץ אױף דער „ברעמען" האָבען דערמיט נישט געטראָפֿען דעם דײַטשען מלוכה הערב, װײַל דער „האַקענקרײַץ" איז נאָר אַ עמבלעם פֿון ים־רױבער".

ריכטער בראָדזקי געפֿינט זיך איצט אין פּאַריז װאו ער פֿערבראַכט זײַן אורלױב. עס בעזוכען איהם האַרט מאַסען מענשען. ער װערט פֿערװאָרפֿען מיט בריף. ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טיפּ פֿון אַ אמתען ריכטער. אַ רוהיגער ציגדט ער זיך נישט בײַם רעדען אָהן װײַזט נישט אַרױס קײן פֿערװאונדערונג ער הערט אױפֿמערקזאַם, דערנאָך ענטפֿערט ער. ער װעגט יעדעס װאָרט, ער רעדט קורץ און דײַטליך.

דער זשורנאַליסט האָט איהם געשטעלט אַ פֿראַגע װעגען דעם פּראָצעס פֿון די פֿאַרט אַרבײטער װאָס האָבען אַראָפּגעריסען די פֿאָהן פֿון דער „ברעמען". ער האָט געענטפֿערט אַז ער איז אַ ריכטער, גיט אַרױס אַ פּסק־דין אָבער דעם פּראָצעס קאָמענטירט ער נישט. אױף דער פֿראַגע צי ער האָט געהאַט עפּעס אונאַנגענעהמליכקײטען צוליבן אורטײל, האָט ער געענטפֿערט, אַז דאָס װענדט זיך װי אַזױ אײנער פֿערשטעהט דאָס, ער װעט נישט זאָגען, אַז דאָס איז פֿאַר איהם געװען אונאַנגענעהם.

ריכטער בראָדזקי האָט אױך ערקלערט, אַז ער האָט בעקומען בריף מיט דראָהונגען, זײ װאָלטען אפֿשר געװען אונאַנגענעהם װען ער װאָלט נישט בעקומען גלײַכצײַטיג אױך אַנדערע. און ריכטער בראָדזקי האָט דעם זשורנאַליסט געװיזען גאַנצע פּעק בריף, װאָס זענען נאָר אַ קלײנער טײל פֿון די אַלע װאָס ער האָט דערהאַלטען. דער טעקסט איז דאָס רוב אַ קורצער, ער דריקט אױס דאַנקבאַרקײט און אַכטונג פֿאַרן פּסק דין אין הסכּם מיטן מענשליכען געװיסען און װירדיג פֿון אַ מענש, װאָס זײַן מוח איז נישט פֿערסמט דורך די ראַסען טעאָריעס. עס זענען אױך געװען אַנדערע בריף. פֿול מיט טרערען און שמערץ, קװאַלען און לײדען, פֿערצװײפֿלונג און הילפֿלאָזיגקײט, עס האָבען פֿון זײ גערעדט װערטער פֿון שרעק און פֿערצװײפֿלונג אין װעלכע דער אורטײל פֿון אַמעריקאַנישען ריכטער האָט געװאָרפֿען אַ שטראַהל פֿון פֿרײדיגע האָפֿנונג. די פּאָסטמאַרקען אױף די קאָנװערטען האָבען בעװיזען אַז די אױטאָרען פֿון די בריף װאױנען אין פֿערשידענע עקען װעלט. דער אופֿן פֿון שרײַבען האָט אָנגעװיזען אַז זײ שטאַמען פֿון צװישען די פֿערשידענסטע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג. אַ סך בריף זענען געװען געשריבען אױף אַ מאַשין, אַ סך אָהן אונטערשריפֿטען אױף אַ װאַנדערבאַרען אופֿן זענען אױך אײניגע געקומען אױך פֿון דײַטשלאַנד. 20 פּראָצענט בריף שטאַמען פֿון יודען. אױף אײניגע בריף געפֿינען זיך נאָר קורצע אײנצעלנע זאַצען, אָבער װאָס פֿאַר אַ פֿערדזאַמע װי רײַך אין אינהאַלט און אױסדרוק!...

ריכטער בראָדזקי בעהאַלט אין נױ יאָרק די אַלע בריף, און ער האָט זײ בעקומען איבער 10.000.

ריכטער בראָדזקי האָט אױך גערעדט װעגען די נירענבערגער געזעצען, „דאָס געזעץ — האָט דער אַמעריקאַנישער ריכטער געזאָגט שטיצט זיך אױף פּרינציפּען, עס קען נישט זײַן קײן געזעץ דאָס, װאָס איז נאָר אַ פֿונקציע נאָר פֿון אַ געװיסע גרופּע מענשען, און װאָס דינט איהרע אינטערעסען. אַ קאָדעקס װאָס שטיצט זיך נישט אױף די פֿונדאַמענטאַלע יסודות װאָס זענען: א) יעדער האָט רעכט צום לעבען ב) יעדער האָט רעכט צו פֿרײַהײט, ג) יעדער האָט רעכט צו גענוסען פֿון לעבען — אַזאַ קאָדעקס איז אַ סתירה צו דער מענשליכער ציװיליזאַציע. פֿאַרן געזעץ שטעהט אַ מענש אַלס אַזעלכער, און נישט אַ נעגער, ציגײַנער, אָדער קאַטאָליק".

װעגען דער עקזיסטענץ פֿון דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער בעװעגונג האָט ריכטער בראָדזקי געזאָגט: יעדער אַטאַק װאָס װערט אױסגעפֿיהרט אױף דער ציװיליזאַציע אין געװיסע טײלען װעלט, קען טריומפֿירען נאָר צײַטװײליג. קײן שום פֿאָלק קען נישט לעבען אין איזאָלאַציע, װען די מענשען װעלען פֿערשטעהען דעם אמת װעט זיך אין זײ אױפֿװעקען דאָס געװיסען — עס װעט אױפֿהערען די אונטערדריקונג, װאָס װערט אָנגעװענדעט לגבי מענשען װאָס געהערען צו דער אָדער יענער רעליגיע. װאָס האָבען אַזעלכע אָדער אַנדערע סאָציאַלע אַנשױאונגען. מ׳ מוז אָבער פֿריהער פֿערשטאַנען װערען אַן אַנדערע טעאָריע, לױט װעלכער אַלע מענשען האָבען גלײַך רױט בלוט און אַלע זענען בעשאַפֿען געװאָרען פֿרײַע אָהן גלײַכע. דאָס רעכט צום לעבען אָהן פֿרײַהײט פֿון די אונטערדריקטע זענען די אידעאַלען פֿון דער דעמאָקראַטישער מאָדערנער ציװיליזאַציע. דער פֿערלוסט פֿון רעכט פֿון מינדערהײטען צו דעם װאָס מיר רופֿען אַן „גליק" קען טרעפֿען די װאָס זענען הײַנט אַ מעהרהײט און מאָרגען קענען זײ װערען אַ מינדערהײט.

אין אַמעריקאַ איז פֿאַראַן אַ בעװעגונג װאָס בעװײַזט אין װאָס פֿאַר אַ האַרמאָניע עס לעבען קריסטען מיט יודען. פֿאַרװאָס? — װײַל זײ זענען פֿעראײניגט און צוזאַמענגעשפּאַנט דורך געמײנזאַמע הומאַניטאַרע אידעאַלען, צו װעלכע זײ שטרעבען צוזאַמען. די גוט פֿערשטאַנענע רעליגיע, נישט נאָר װאָס זי צוטײלט זײ נישט אין טעגליכען לעבען נאָר להיפּוך: זי שמידט זײ צוזאַמען און געגענזײַטיג פֿרײַנדליכע בעציהונגען. מיט אײניגע חדשים צוריק האָבען די פֿאָרשטעהער פֿון פּראָטעסטאַנטען און קאַטאָליקען צוזאַמען געפֿײַערט מיט יודען ערב יום כּפּור, בכדי צו דאָקומענטירען דערמיט זײער אַכטונג פֿאַר פֿרעמדע רעליגיעזע געפֿיהלען, מענשען פֿון אמתער קולטור קענען זיך נישט פֿײַנט האָבען צוליב רעליגיעזע אונטערשידען, און קענען נישט גלײבען אין די אױסגעטראַכטע, דורך קולטורעל און ציװיליזאַטאָריש װעניג בעװאוסטזיניגע, ראַסען טעאָריעס װאָס זענען אַ חרפּה פֿאַרן פֿאָרטשריט פֿון 20טען יאָהרהונדערט.

רוימער און יודען

צום 2,000 יאָהריגען געבורטסטאָג פון רוימישען דיכטער האָראַציוס, געבוירען 8. דעצ. 65 פ. ק.

פון ד"ר א. קאַראַלניק

אין דער קראָם פון מאַלכאָס גאַבריאָס, דעם איינציגען „גויאישען" בוך־געשעפט אין ירושלים, ביי דעם שער הקופסים, איז געווען אַן־אומגעוועהנ־ליכע אויפרעגונג. עטליכע גריכישע שקלאַפען זע־נען געזעסען אויף דער ערד און האָבען געשריבען אַזוי פלייסיג, אַזוי גיך, ווי די פען האָט נאָר גע־קאָנט געהן, נאָכגעשריבען דעם דיקטאַט פון זייער אויפזעהער, דעם „בעפרייטען" האַלבען־גריך יואַ־לעריאוס, וואָס האָט פאַרגעלייענט פון אַ פינקעל־נייעם מאַנוסקריפט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינע הענד. יואַלעריאוס האָט פאָרגעלייענט אין אַ זינגענדיגען טאָן לאַטיינישע פערזען און די שקלאַפען, די שרייבערס, האָבען נאָכגעשריבען, און יעדעס מאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו פרעגען, ווי מען לייגט אויס אַזאַ וואָרט אָדער אַנ־אַנדערס.

מאַלכאָס גאַבריאָס, אַ סירישער גריך, זיין אייגענטליכער נאָמען איז געווען מלכא גברו, אָבער ער האָט דעם נאָמען פאַרהעלעניזירט, האָט זיך געריבען די הענד און ממש געשטראַלט פון צו־פרידענקייט. ביים טיש, דאָרט וואו עס זענען אויס געלייגט געווען אַלע נייע ביכער, גריכישע און רוימישע, איז געשטאַנען חנניה, איינער פון דער יונגער ירושלימ'ער אינטעליגענץ, אַ יונגערמאַן מיט אַ לענגליכען בלייכען פנים און מיט פינקלענ־דיגע אויגען, און האָט געבלעטערט די מאַנוס־קריפטען.

„וואָס איז היינט אַזוי דער טומעל? — פרעגט חנניה ביים בוך־הענדלער — געוועהנליך איז דאָך דאָ אין געשעפט אַזוי רוהיג, דער שטילסטער און דער קיהלסטער ווינקעל אין גאַנץ ירושלים. וואָס זאָגט איהר זיך דאָ אַזוי."

„דו ווייסט דאָך גאָר נישט, חנניה, וואָס עס טוט זיך דאָ די לעצטע טעג ביי מיר אין געשעפט, איך ווער ממש בעלאַגערט. אַלע רוימישע אָפיצירען, וואָס זענען דאָ אין לאַנד, אפילו די פון קיסריא און די אַנדערע שטעט פון יהודה און פון גליל, שיקען צו מיר שליחים און קויפען פאַר שווער געלד, פאַר גוטע ,נייע, רוימישע מטבעות — דו ווייסט דאָך, צו אייערע הורדוס'ישע מטבעות האָב איך נישט קיין גרויסען צוטרוי — אָט די נייע סחורה, וואָס איך האָב נאָר־וואָס אַריינבעקומען פון רוים. און אויך אַ סך פון דיינע אייגענע ברידער גנב'ע־נען זיך אַריין צו מיר, שטיל, מ'זאָל זיי נישט זע־נען ניט אַריין צו מיר שטיל, מ'זאָל זיי נישט זע־איבערגעשריבען פון מיינע שקלאַפען, זיי האָבען מיר אַזוי ווייניג געשיקט פון רוים, אַז איך קאָן נישט בעפרידיגען דעם פערלאַנג פון די קונים. זיי ווייסען דאָך דאָרט, אַז אין דער פרומער שטאָט ירושלים האָט מען נישט זעהר ליב קיין פרעמדע ביכער, מיד דאַכט זיך — קיין אייגענע אויך נישט. אָט האָט מען מיר ערשט נישט לאַנג דערצעהלט ,אַז אייערע חכמים האָבען אַרויסגעגעבען אַזאַ מין עדיקט, אַז גריכישע ביכער מאַכען טמא די הענד, מערקווירדיגע הענד, וואָס ווערען אומריין פון דער בעריהרונג מיט פאַרמעטענע אוצרות מיט אותיות פון פלאַטאָן אָדער עווראַפּיד".

„נו, גוט, דו רעדסט צופיל, מיין פריינד מאַל־כאָס, אָבער דו האָסט נאָך אַלץ נישט דערצעהלט וועגען וואָס דו טומעלסט דאָ אַזוי, ווער איז ,עס אט דער נייער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף דעם מערב־דיגען הימעל, נאָך וועמען דורשטען עס אַזוי די רוימישע אָפיצירען און די ירושלימ'ער אינטעליגענץ? איז אפשר אקטאַוויאַנוס אָגוסטוס, דער נייער קיסר פון רוים, אויך געוואָרען א פאָ־עט און אַ שרייבער, ווי זיין גרויסער פעטער, יוליוס צעזאַר?"

„ניין, אָגוסטוס געהט נאָך נישט אין די דרכים פון קאַיוס יוליאוס, ער איז בלויז א הערשער און נישט קיין שרייבער. און עס איז בעסער פאַר איהם. אָבער דו האָסט כמעט געטראָפען. עס איז נישט אָגוסטוס אַליין, אָבער זיין פריינט, אַ נייער פאָעט, אַ פריינט פון אַלע רוימישע אַריסטאָקראַטען און פון דעם קיסר אַליין, קווינטוס האָראַציוס פלאַ־קוס, אָדער האָראַציוס, ווי מען רופט איהם געוועהנ־ליך. עס איז קיינערליכע רוימישע פּאָעזיע. רוים צום ערשטען מאָל, אין איהר גוואַלדיגער גרויס־קייט, אין איהר וועלט־פערנעהם און איהר געזעט־קייט, אָבער נעם און לייען. דו קאָנסט דאָך לייענען לאַטייניש, דו ביסט דאָך אין דער יוגענט געווען עטליכע יאָהר אין רוים".

און חנניה הויבט אָן צו בלעטערן אין דעם מאַנוסקריפט, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט פרי־שען טינט, וואו אַלע אותיות זענען געווען אַזוי קלאָר און קאַליגראַפיש פערצוקט. אויפ'ן שער־בלעטעל איז געשטאַנען מיט גרויסע גאָלדענע אותיות: קווינטוס האָראַציוס פלאַקוס — קארמינא, די לידער פון האָראַץ, אָדען, עפּאָדען, סאַטירען, עפּיסטעלען (בריף), א טראַקטאַט אין פערזען וועגען „פּאָעטישער קונסט", און בעזונדערס, אויף אַנ'אייגענעם בלאַט מיט נאָך שענערע אותיות געשריבען „דער שיר צו רוים", דאָס גרויסע ליד „קארמען סעקולאַרע", דאָס ליד פון דעם יאָהרהונדערט.

חנניה האָט געבלעטערט ליד נאָך ליד, בלאַט נאָך בלאַט, אָפט שטיל פאַר זיך דעקלאַמירט א פערז, און זיינע אויגען האָבען אויפגעשטראַלט פאַר בע־גייסטערונג, אָפט אָבער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געצויגען מיט די אַקסלען. ער איז באַלד מיד גע־וואָרען פון שטעהן, האָט זיך איינגעזעצט אויף איינעם פון די טעפּיכער אין געשעפט און געלייענט און געשאָקעלט זיך אויף דעם אָריענטאַלישען אופן צום ריטם פון דעם ליד, אָפט נישט תמיד האָט זיין אָריענטאַליש אויער געכאַפּט דעם קלאַנג און די מעלאָדיע פון דעם רוימישען פערז.

ליבע, ליבע, ליבע צו לידיא, ליבע צו כלאָע, ליבע אויסגעדריקט אין אַזעלכע שעהנע, געטאַקטע פערזען, אָבער קאַלט און צו־אויסגעפּאָרעמט פאַר דעם הייסען בלוט פון דעם מזרח־מענשען. אָט זינגט ער א ליד, אַ ליבעס־ליד, אַ קלאַנג־ליד:

> ווען איך האָב חן געהאַט אין דיינע אויגען,
> האָבען קיין ווייסערע הענט ניט ארומגענומען
> מיין יונגען האַלז.
> און איך בין געווען גליקליכער ווי דער פּערסי־
> שער קעניג.

און ער פערענדיגט דאָס ליד:

> מיט דיר וויל איך לעבען, מט דיר וואָלט איך
> שטאַרבען געוואָלט.

אָבער צווישען די ערשטע פשוט'ע ווערטער און דעם לעצטען מענשליכען טאָן איז אַריינגע־שפּונען אַזאַ גאַנצע נעץ פון ווערטער און בילדער, היסטאָרישע און ליטעראַרישע רמזים, און אַלצדינג אַזוי געקינצעלט, אַז דאָס גאַנצע לעבעדיגע געפיהל ווערט אויסגעזופּט אָדער פערטרוקענט, ליבע ווערט בלויז א טעמע פאַר ליטעראַטור, געפיהל ווערט פערגליווערט אין וואָרט. „ניין — שאָקעלט חנניה מיט'ן קאָפּ — אַנדערש האָט געקלונגען דאָס ליד פון ליבע ביי טיבולוס, דעם רוימישען פּאָעט, אָדער ביי קאַטולוס, אָדער ביי די גריכען אין זייער וואָרי־מער ליריק, און ווער רעדט שוין פון דעם אַזוי הייסען,ליידענשאַפטליכען, אַנצינדענדיגען טאָן פון ליבע אין דעם שיר השירים". און ער לייענט ווייטער:

און אָט אַנ'אַנדער ליד:

> וועה, עס פליהען די יאָהרען, פאָסטומוס,
> פאָסטומוס,
> און פרומקייט קאָן ניט אָפּשטעלען די קנייטשען,
> ניט פערשטעלען דעם וועג פאַר דער עלטער
> און פאַר דעם ניט־בעצווינגליכען טויט.

אַ היימישער טאָן קלינגט אָן אין די אויערען פון חנניה, דער קהלת־טאָן, אָבער ער שלאָגט אויף אַנ'אַנדער זייט, און האָראַץ רעדט אויפ'סניי וועגען לעבען און טויט.

און אַזוי פון בלאַט צו בלאַט, פון ליד צו ליד, דער אייגענער מאָטיו. דאָס לעבען איז קורץ, די יאָהרען לויפען. נישטא אויף וואָס צו וואַרטען, נישטא אויף וואָס צו האָפען, און נעם וואָס דו קאָנסט, און פרעג נישט קיין קשיות, מאַך שלום מיט דעם לעבען און באַנוגען זיך מיט דעם, וואָס איז דיר בעשערט.

און פון דעם דאָזיגען גרונט־טאָן וואַקסט אַרויס דער גאַנצער האָראַץ, דער סאַטיריקער און דער לי־ריקער, דער דענקער און דער ליטעראַט. אַלצדינג וואָס צו־ליידענשאַפטליך, וואָס צו־שטאַרק, וואָס צו־הייס, איז איהם פרעמד. ער שטעלט אויף דעם כלל פאַר אַלע פּאָעטען און פאַר'ן גאַנצען לעבען: „עסט מאָדוס אין רעבוס", עס איז דאָ א מאָס אין אַלצדינג. און זיין מאָס איז געווען א קליינע. אָט די קליינע ווילא, וואָס זיין פריינט און באַשיצער מעצענאַס האָט איהם געשענקט, דאָס טייכעל ביי דער ווילא, דאָס ביסעל גרינס, די רוהיגקייט און די צופרידענ־קייט מיט דעם קליינעם גורל. זאָל אָגוסטוס רעגירען ווי ער וויל, זאָל די רוימישע פרייהייט געהן צו גרונט, זאָלען אַנדערע קעמפען פאַר דער צוקונפט פון דער געזעלשאַפט, ער, האָראַציוס, איז צופרידען מיט זיך און מיט דער וועלט און מיט דער אָרדנונג. עס איז צו זיין האַרץ נישט דערגאַנגען דאָס וואָרט פון דעם אַנדערען רוימישע פּאָעט: „סוסט לאַקרימע רערום", די וועלט איז אָנגעפיהלט מיט טרעהרען עס ווייבט אַלצדינג, וואָס איז בעשאַפען. און ווען האָראַץ האָט שוין געקאָלט זוכען דעם אמת, האָט ער איהם געפונען אין דעם שמייכעל, „רידענדא דיצערע וועריום", לאַכענדיג זאָגען דעם אמת, פונקט ווי דער אמת לאָזט זיך זאָגען אין דעם טאָן פון שפּאָט. און וואו צופרידענקייט מיט זיך, ווערט אויך צופרידענקייט און שלום מיט דעם, וואָס אַ־ום איהם, און פון שלום ביז חניפה איז א גאַנץ קליינער טריט. און אָט זינגט האָראַץ זיין גרויס ליד, זיין יאָהר־הונדערט ליד, און דאָרט איז א געהויבענעם טאָן בעזינגט ער די גרויסקייט פון רוים.

און ער בעט די געטער צו געבען רוים די הער־שאַפט איבער דער ערד, נישט דערפאַר וואָס זי האָט עס פערדינט, נאָר ווייל זי בעזיצט עס שוין. דאָס איז געווען זיין איינציגער מאָטיו „בעאַטי פּאָ־סידענטעס", גליקליך זענען די, וואָס פאַרמאָגען, און די וואָס פערמאָגען נישט, אָט די מיליאָנען פון שקלאַפען, וואָס ווערען פערפייניגט פון די רוימישע אונטערדריקער. אָט די לענדער און פעלקער, וואָס ווערען אויסגעזויפּט פון די רוימישע סאָלדאַטען און מאַגנאַטען, וועמען אַרען זיי? וועמען געהען זיי אָן? זיי זענען שוואַך, זיי זענען בעזיגט און וועה איז צו דעם בעזיגטען.

חנניה לייענט שטיל פאַר זיך און דער „בעפרייטער" וואַלעריוס דעקלאַמירט צו זיינע שקלאַפען הויך די פערזען. חנניה הערט זיך איין, ווי האָראַ־ציוס זינגט זיין ליד פון שטאָלץ.

שעהן קלינגען די ווערטער אין דעם האַלבע־טונקעלען חדר. אָבער חנניה שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „איז דאָס אַלץ? איז דאָס דען גענוג? איז דער גאַנצער שטאָלץ פון א מענשען, וואָס ער האָט ווער־טער געזאָגט? לידער געשריבען? מערקווירדיג, אָט נאָר וואָס דאַכט זיך געלייענט, אַז דאָס לעבען איז צווועקלאָז, אַז נאָר דער טאָג האָט א ווערט, און איצט דערהויבט זיך דער רוימישער שטאָלץ, די גאוה פון דעם שרייבענדען מענשען, און ער פערפליהט אין אייביגקייט — ווייל ער האָט געשריבען א ליד".

העכער פון פיראַמידען. און ווען שוין? פיראַ־מידען זענען דאָך אויך בלויז קברים אין זאַמד, שטיי־נער אין מדבר, פערגעסענע מאָנומענטען פון פער־גאַנגענע צייטען, אייגזאַמע עדות פון אוועקגערונע־נעם זאַמד. מען בעוואונדערט זיי, מען בעטראַכט זיי, אָבער זיי שטעהען אויסערהאַלב פון ידען לעבען, אָהן שום שייכות צו אונז, צו די דורות, וואָס קומען. און חנניה פערמאַכט דאָס בוך פון האָ־ראַץ, לייגט עס וועדער אַוועק אויפ'ן טיש.

„ווער ווייסט, מאַלכאָס, ווער ווייסט. אפשר זע־נען אָט די אַלטע, אונזערע זקנים, וואָס זיצען דאָרטען און פערשפּאַרען זיך און אונז דעם וועג צו דער גרויסער וועלט, בויען אַ־ום אונז א שטע־כעדיגען צוים, — אפשר זענען זיי מעהר גערעכט, ווי מיר, די העלעניזירטע, די רוים־קוקער, די אינטע־ליגענץ? זיי זוכען דעם אמת, אָהן פאָרמען, אָהן פערזען, געטריי צו זיך אַליין, צו זייער ברענענדער ליידענשאַפט. און צוויי פיראַמידען שטעהען, די סינאַישע, אָהן א מאָס, פייער, שוואַרץ פייער אויף ווייסען — און לעבען איהר אָט די נייע האָראַצישע פיראַמידע, אַזוי פינקלענדיג שעהן, אַזוי געמאָסטען און געטאַקט, גלאַט ווי מאַרמאָר, די הענט פאָלירט ווי א שפּיגעל, אָבער אין דעם שפּיגעל זעהט מען בלויז די צייט. וואָס קומט און פערגעהט, דעם זאַמד, אָט דעם רינענדיגען מענשען־זאַמד, וואָס לייגט זיך אוועק, ווען דער ווינט טוט א בלאָז, פייער אָבער בלייבט".

„איך האָב געוואוסט, חנניה, איך האָב עס גע־וואוסט. איהר זייט אַלע גלייך. איהר געהט מיט אונז בלויז אויפ'ן גלאַטען וועג און פערקירעוועט זיך ביי דעם תהום, מיר געהען אָן אַ זייט. איך ווייס עס צום אָפּגרונט, אייער גורל, אייער גורל"...

Dr.
B. Robinzon
אינערליכע קראנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף 10 פּאַמאַרנאַ 10
פראָנט, 2טער שטאָק, טעל. 131-86.
נעהמט אָן פון 6 ביז 8 אין אָוונט.

Dr.
Wolkowyski
ציגעל־גאַס 11, טעל. 238-02
ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט־קראַנקה.
בעהאַנדלונג פון מענער־שוועכע
נעמט אָן פון 8—11 ביטאָג און 4—9 אָוונט.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט.־ געשלעכטס־
קראַנקהייטען און מענער־שוועכע
פּיעטריקאַווער 10, טעל. 245-21
נעהמט אָן פון 8 פריה ביז 2 מיטאָג און פון 5 ביז 9 אָוו.
זונטאָג פון 10—1 ביטאָג. אַלע אַרט אַנאַליזען
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזן
א ספּעציעלער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

געלאַכט און געוויינט

פון ב. קאַוונער

(אַ מאָדנע טיפּ)

מיין חבר מעשעל איז אַ מאָדנער מענש; אַ מענש וואָס איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מענשען, וואָס רופען זיך מענשען. ער זאָגט: געלד איז בלאָטע; יחוס איז בלאָטע; ליבע איז אויך בלאָטע. דער עקר איז, זאָגט ער, אַז אַ מענש איז געזונט.

אַז אַ מענש איז געזונט, זאָגט ער, איז ער רייך, איז ער אַ יחסן, איז ער פערליבט, איז ער אַ מענש!

דעמאָלט האָט מען אפילו מזל אויך, זאָגט ער.

אָט אַזאַ מין מעשעל איז ער, דער דאָזיגער מעשעל, וואָס מען רופט איהם מעשעל.

ווען איך האָב זיך מיט איהם בעקאַנט, איז ער געווען רייך און געהאַט א פרוי מיט צוויי טעכ־טער: ביידע שעהנע, בלאָנדע, פרעהליכע כלה־מיידלעך. איינע האָט געהייסען אסתר און די צווייטע פייגעלע.

ער האָט אויך געהאַט דריי שעהנע הייזער.

צוויי זענען געווען פערדונגען צו פרעמדע מענשען און אין איינע האָט ער אַליין געוואוינט.

הכלל, מעשעל האָט פערמאָגט אַרום הונדערט מיט פופציג טויזענד דאָלער באַר געלד, אַ חוץ די דריי הייזער, אין וועלכע ער האָט אויך שוין גע־האָט אַריינגעלעגט אַ פינף און פערציג טויזענד דאָלער.

אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט געפרעהט:

— וואָס טויגען מיר מיינע טויזענטער אין באַנק און מיינע דריי הייזער, אַז איך בין נישט קיין געזונטער? — האָט ער זיך איינמאָל בעקלאָגט פאַר מיר.

האָב איך איהם געגעבען אַנ'עצה ווי אַנ'אמת'־ער חבר:

— אויב דו ווילסט זיין געזונט, דאַרפסטו אַלץ אַיועקלייגען אָן אַ זייט און לאַכען; נאָר לאַכען! לאַכען איז געזונט. דאָקטוירים הייסען לאַכען — האָט אַמאָל געזאָגט אונזער גרויסער הומאָריסט שלום עליכם. און איך האַלט זעהר א סך פון שלום־עליכמ'ען. דעריבער לאַך איך אויך אַ סך. און דאָס מאַכט מיך אויסזעהן יונג, פריש, לעבעדיג. מען עסט מיט אַפּעטיט און מען שלאָפט געשמאַק. טאָ פאָלג מיך און לאַך אויך; לאַך און דו וועסט זיין געזונד!

האָט מיך מעשעל געפאָלגט און גענומען לאַ־כען ער האָט געלאַכט אָהן אַ סוף ביי טאָג און ביינאַכט; פון יעדער זאַך האָט ער געלאַכט. אפילו פון זאַכען וואָס רופען גאָר אַרויס טרעהרען.

דאָס לאַכען איז איהם אַזוי אַריין אין די ביי־נער און אין זיין בלוט ,אַז ער האָט זיך שוין כמעט נישט געקאָנט בעהערשען; ער איז מעהר נישט געווען ביי זיך אין די הענד.

פונקט אין יענער צייט האָבען זיך פערמאַכט די באַנקען און ער, מעשעל, האָט אַלץ פערלוירען, אָבער ס'האָט איהם נישט געאַרט; ער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכען. „אַז איך וועל זיין געזונד" — האָט ער געזאָגט — „וועל איך האָבען אַנדערע געלד; איך האָב די געלד אויך נישט אַהערגעבראַכט פון דער אַלטער היים".

און ער האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול. אָבער די וועלט האָט נישט מיטגעלאַכט מיט איהם... טויזענטער און מיליאָנען מענשען זענען דעמאָלט אומ־גליקליך געוואָרען ,טאָ ווי האָבען זיי געקאָנט לאַ־כען? אָבער מעשעל'ען האָט עס נישט געאַרט; האָט ער געלאַכט אליין, אָהן דער וועלט... דאָס לאַכען איז געוואָרען ביי איהם אַ מין משוגעת. ער האָט זיך מעהר נישט געקאָנט העלפען... ער האָט אפילו געלאַכט ווען זיין פרוי איז געלעגען אויפ'ן טויטען־בעט נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע.

— איך טו דאָס צוליב מיין געזונד — האָט ער געזאָגט — לאַכען איז געזונד; דאָקטוירים היי־סען לאַכען; און מיין געזונד שטעהט ביי מיר העכער ווי אַלע אוצרות פון לאַנד!

אַ געוויסען שבת נאָכמיטאָג לאָזט מען מיר וויסען דורכ'ן טעלעפאָן, אַז מיין חבר מעשעל איז עפּעס נישט מיט אַלעמען; איך זאָל שוין אַרויס קומען.

איך קום אַריין צו מעשלען, ערשט ער איז בלאַס ווי די וואַנד און ער קרעכצט.

— וואָס איז דיר? — פרעג איך מעשלען און איך טאַפּ איהם דעם קאָפּ.

— איך בין אויס מענש; איך בין פאַרביי, איך האָב מעהר נישט קיין כוח צו לאַכען — בעק־לאָגט זיך מעשעל.

— דו האָסט טאַקע צופיל געלאַכט, זאָג איך צו איהם, און וואָס ס'איז צופיל איז נישט געזונד; אַלץ דאַרף זיין מיט א מאָס.

— וואָס־זשע טוט מען? ראַטעווע, איך וויל נאָך לעבען און זיין געזונד.

— גענוג לאַכען פאַר אַ חודש צייט — זאָג איך — און וויין אַביסעל.

— וואָס הייסט עפּעס, וויינען? — וויל מעשעל וויסען — פון לאַכען זאָל איך אַריבערגעהען צום וויינען?

— פאַרהאַן אַ ווערטעל — זאָג איך — אַז ווען מען וויינט זיך אויס, ווערט גרינגער אויפ'ן האַר־צען און פרעהליכער אויף דער נשמה ,טאָ וויין!

— דענקסטו אַז דאָס וועט מיר העלפען? אַז דאָס וועט מיך שטעלען צוריק אויף די פיס? — פרעגט ער.

— וואָס קענסטו דאָ פערלירען? דאַרפסט עס געהן קויפען? טרעהרען קאָסט דאָך נישט קיין געלד; פאַרהאַן גענוג טרעהרען אויף דער וועלט.

און מיין פריינד מעשעל האָט מיך ווידער גע־פאָלגט: ער איז אַריבער פון געלעכטער אויף טרעהרען...

אָבער אויך איצט האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס: ער האָט טאָג־ווי־נאַכט געוויינט; וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען האָט ער געוויינט הויך, אויפ'ן קול...

ער האָט אפילו געוויינט ווען זיין פרוי איז אַרויס פון געפאַהר ,און זי האָט אָנגעהויבען פיהלען בעסער; ער האָט געוויינט ווען זיין עלטערע טאָכ־טער איז א כלה געוואָרען פאַר אַ רייכען, און ער האָט אויך געוויינט אויף דער פערלאָבונג פון זיין יונגערע טאָכטער.

אַלע זיינע פריינד האָבען זיך געפרעהט, אַלע זענען איהם מקנא געווען: סטייטש, אַזאַ גליק! אָבער מעשעל האָט געכליפּעט ווי אַ קינד. איך האָב איהם געהייסען וויינען אַ חודש צייט, דאַרף ער אויסוויינען דעם גאַנצען חודש ,האָט ער גע־זאָגט.

און ער האָט אַ קוק געטון אויפ'ן קאַלענדאַר און מיר געלאָזט וויסען, אַז ער האָט נאָך צו וויינען גאַנצע ניינצען טעג.

אָבער מעשעל האָט די ניינצען טעג נישט גע־ענדיגט אין זיין היים; מען האָט איהם צוגענומען אין אַ משוגעים הויז.

דער הויפּט־דאָקטאָר פון משוגעים־הויז זאָגט, אַז מעשעל וועט געזונד ווערען, אויב מען וועט איהם נישט טשעפּען....

יוסף באָרשאָווער — פרייהייטס־דיכטער

צוואַנציג יאָהר נאָך זיין טויט

ס'איז געוואָרען צוואַנציג יאָהר זינט ס'איז גע־שטאָרבען יוסף באָרשאָווער, איינער פון די ערשטע פרייהייטס דיכטער אין יודיש. וועלכער איז אויך געווען א זעהר טאַלאַנטירטער, ער האָט נאָכגעפאָלגט אין גייסט ערעלשטאַט'ען, אָבער אין דער פאָרם איז ער געשטאַנען פיל העכער, ווי זיין פאָר־גענגער, באָרשאָווער האָט אפילו אויך נאָך בענוצט פיל דייטשע אויסדריקען אין זיין יודיש, און מאַנכע פערזען זענען ביי איהם געצוואונגען, אָבער דאָך איז פאַראַן פיל ריטם אין זיין דיכטונג, און די אידעען און געפיהלען זיינע זענען העכסט מענשליכע, העכסט פרייע און שאַרף רעוואָלוציאָנערע.

יוסף באָרשאָווער איז געבוירען געוואָרען דעם 30־טען סעפּטעמבער 1873 און איז געשטאָרבען דעם 25טען דעצעמבער 1915, ער האָט בלויז געלעבט 42 יאָהר אָבער ער האָט אין דער קורצער לעבענס צייט זיינער זיך געמאַכט בעריהמט, געשעצט און גע־ליבט, בעזונדערס אין די ענטוזיאַסטישע ליגקע פריי־הייטס קרייזען.

ער איז געבוירען געוואָרען אין לובאַוויטש. האָט געשטאַמט פון א משפחה פון חזנים און לומדים, ער האָט געירשנט דעם חסידישען פייער פון זיין שטעטעל, די נגינה פון זיינע אורעלטערען, און אויך א נייגונג צו וויסען, דאָס אַלץ האָט געפונען אויס־דרוק אין זיינע לידער, סקיצען און בילדער, וואָס ער האָט געשאַפען, צו דער עלטער פון 18 יאָהר איז ער אָנגעקומען אין אמעריקא, נאָך פון דער היים איז ער געווען אַנ'אַרבייטער, האָט דאָרט געאַרבייט אין א מעהל־פאַבריק, און אין אמעריקא האָט ער זיך אויס־געלערנט צו זיין א פעדיער. ער איז אריינגעצויגען געוואָרען אין דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג, וואָס איז געווען צו יענער צייט גאַנץ שטאַרק צווישען דער אַריבערגעקומענער רעוואָלוציאָנערער יוגענט. וועל־כע איז אַנטלאָפען פון דער צאַרישער רוסלאַנד מיט איהרע אונטערדריקונגען און פּאָגראָמען, און אונ־טער דער שטאַרקער ווירקונג פון די עקסטרעמע פרייהייטס אידעען האָט ער אָנגעהויבען דיכטען און שרייבען, פערעפענטליכענדיג זיינע לידער און סקי־צען אין די אַנאַרכיסטישע יודישע צייטונגען און זשורנאַלען, ער האָט אויך אַליין איבערזעצט איי־ניגע פון זיינע לידער אין ענגליש און זיי פערעפענט־ליכט אין דער ענגלישער אַנאַרכיסטישער וואָכענ־שריפט „ליבערטי“ (פרייהייט) און אויך אין ניו־יאָרקער „האָום זשורנאַל“. באָרשאָווער האָט שנעל געפונען אנערקענונג הן ביי יודישע הן ביי ענגלישע קריטיקער, ווייל ער איז באמת געווען א טאַלאַנ־טירטער דיכטער.

עס איז גענוג בלויז דורכצובלעטערען די זאמלונג פון לידער, וואָס זענען פון באָרשאָווערן געבליבען, אז מען זאָל גלייך דערפיהלען מיט וואָס פאַר א הויי־כען אויפריכטיגען טיפען געפיהל ער האָט געדיכ־טעט, ווי גרויס ס'איז געווען זיין ליבע צום אונטער־דריקטען און זיין האַס צום אונטערדריקער. צו דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט א גרויסע נייגונג צו דער נאַטור און איהרע שעהנקייטען, ער דריקט דאָס אַזוי כאַראַקטעריסטיש אויס, ווען ער זינגט:

עס קאַכט און עס מישט, און עס זידט און עס
שטורעמט,
עס צאָרנט דער ים — ס'איז א שרעק, א סכנה!
אַט זעהט מען די כוואַליעס, ווי פעלזען געטורעמט
אלס וואָלטען זיי וועלען פערשלינגען די לבנה.
נאָר זי, די לבנה זי ציטערט, זי שרעקט זיך
און וויל אויפן הימעל איהר פאַקעל ניט טראָגען,
זי פלאַטערט, בעהאַלט זיך, פערהילט זיך, פער־
שטעקט זיך,
גאַנץ טיף אין די פינסטערע וואָלקען וואָס יאָגען.

די מענדרעניץ פון באָרשאָווערס דיכטונג קען מען זעהן פון פאָלגענדען פערז פון זיין ליד „פרייהייט“:

א ליכט וועט אויפגעהן אין דער קומענדיגער צייט
דער מענש וועט שטעהן אין קראַפט ווי ניי בע־
לעבט, —
די שלעכטע דורות וועלין זיך לאַנגזאַם בייטען,
די וועלט וועט האָבען דאָס, צו וואָס זי שטרעבט.

ס'איז זעהר כאַראַקטעריסטיש דער דאָזיגער פערז. ער צייגט אַז אין חעם גייסט פון דעם גליהענדען רע־וואָלוציאָנער באָרשאָווער האָט געהערשט דאָס בע־וואוסטזיין אַז „די שלעכטע דורות וועלען זיך לאַנג־זאַם בייטען“.. אָבער דאָס האָט איהם נישט אָפּגע־האַלטען פון רופען פלאַמענדיג צום קאַמף. אין זיין צייט האָט מען געהאָפט אַז דער קאַמף וועט פערשנעל־לערען דעם וועג צו פרייהייט און וואוילשטאַנד פאַר אַלע מענשען קינדער.

באָרשאָווער האָט אויך געהאַט מאָמענטען פון פערצווייפלונג און ס'איז ביי איהם פאַראַן אַט אַזא פערז:

אונזער וועלט.

א גרויסער בריטער אייז ים
פאַרפראָרען אומעטום,
די מענשען — ווי די בערען,
וואָס קריכען דאָרט אַרום....

באָרשאָווערס סקיצען זענען אַמאָמיסטענס טאָג־בלעטער מיט א פסיכאָלאָגישען אינהאַלט.

ער אַט אויך פערעפענטליכט אַנאָפּהאַנדלונג איי־בער פּאָעזיע, מיט ביישפּילען פון לידער פון גרויסע וועלטדיכטער, ווי געטהע, היינע, מילטאָן, פּעטראַרך און אַנדערע, וועלכע ער האָט איבערזעצט, אין יודיש פערשטעהט זיך.

באָרשאָווער האָט אויך פערעפענטליכט אַנ'אָפּ־האַנדלונג איבער היינען וועלכען ער האַלט פאַר א זעהר רויסען דיכטער אָבער שוואַכען מענשען. אין דער אָפּהאַנדלונג איז פאַראַן אַט אַזא ערקלערונג:

„דאָס יודישע פאָלק האַרף עס אָבער גאַנץ בע־שטימט האַלטען פאַר אַנ'עהרע דאָס היינע איז גע־בוירען געוואָרען פון יודישע עלטערען פיינד האָ־בען יודען א סך, און דערום וואָס מעהר גרויסע לייט און זשעניען זיי האָבען צווישען זיך, דאָס בעסער“.

ער האָט אויך אין דער אָפּהאַנדלונג איבערגעגע־בען געדאַנקען פון היינען, אַמאָמיסטענס איבער יודען.

דאָס צייגט, אַז כאָטש באָרשאָווער האָט זיינע לידער, וואָס זענען געזונגען אין יודיש, געווידמעט דער מענשהייט בכלל, האָט דאָך אין זיין האַרץ גע־טליהעט אויך א פונק פון בעזונדערען אינטערעס אין יודישען פאָלק.

באָרשאָווער פערנעהמט בכלל א בכבודען פּלאַץ אין דער יודישער דיכטונג.

היסטאָריקוס.

אַביסעלע קיבי'ץ

(הומאָר פון טאָג)

אַנ'אַמעריקאַנער טוריסט, וועלכער איז געווען זעהר מיד פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, איז געפאָהרען בעזוכען די פּיראַמידען אין עגיפּטען, וואו ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט געפינען קיין זאַך, וואָס זאָל צושטערען זיין אַראַבישען טרוים.

ווען ער איז צוגעקומען צו די פּיראַמידען האָט אַנ'אַראַבער איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ קעמעל, און דער אַמעריקאַנער האָט אַזש אויפגעציטערט פון פרייד. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט:

— ווי הייסט דיין קעמעל? — האָט דער אַמעריקאַ־נער געפרעגט דעם אַראַבער.

— גרעטאַ גאַרבאָ — איז געווען דער ענטפער.

* * *

אַ פאָטער האָט געזאָגט צו זיין 7־יעהריגען זוהן, אַז תשעה־באב טאָר מען נישט לייענען קיין פרעהליכע זאַ־כען.

— אָבער יודישע צייטונגען טעג מען לייענען, — האָט דאָס יונגעל געזאָגט, — זיי ברענגען טרויעריגע נייעס!

* * *

אַ שדכן האָט גערעדט אַ בחור אַ שידוך, און ווי דער שטייגער איז, האָט דער שדכן זעהר געלויבט דעם מחותן. אַז ער איז זעהר רייך. דער שדכן איז געקומען מיט'ן חתן אָנקוקען די כלה, האָט דער מחותן דאָרט אויסגע־שטעלט אַ סך זילבערוואַרג.

— דו זעהסט ווי רייך זיי זענען! — זאָגט דער שדכן אין דער שטיל צום חתן.

— אפשר איז דאָס אַלץ געליענע? — זאָגט דער חתן.

— גיי דו שוטה! — זאָגט דער שדכן — ווער וועט אַזעלכע שלעפּערס לייען אַזוי פיל זילבער?

ראַדיאָ - ווינקעל

די שטודיע פון פוילישען ראַדיאָ ווערט פערגרעסערט

די ראַדיאָ־הערערס האָבען, מסתמא, בעמערקט, אַז פון דעצעמבער אָן הערט מען בעסער די וואַר־שאַווער אָרקעסטער־ און קלאַוויר־ אויסיציעס. די חסרונות, וואָס זענען געווען ביז אַהער, האָבען זיך געמערקט איבערהויפּט ביי מוזיק פון א גרויסען אָר־קעסטער, ביי יעדען גרעסערען פּאָרטע, דערביי זע־נען די קלאַנגען אַרויסגעקומען, ווי זיי וואָלטען זיך אויסגעמיישט און צונויפגעגאָסען. אַלע אַנשטרענ־גונגען, וואָס מען האָט דערביי געמאַכט, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען קלאָרער, אַז מען זאָל הערען די איינצעלנע אינסטרומענטען אַזוי גוט ווי גאַנצע גרו־פּען — האָבען גאַנץ ווענין געהאָלפען.

צוליב דעם פלעגען די קאַפּעל־מייסטערס פון פוי־לישען ראַדיאָ אויסמיידען צו געבען אין ראַדיאָ די מעהר קאָמפּליצירטע שאַפונגען, די מוזיק פון דער גאָר לעצטער צייט ביז דער אַביסעל פריהערדיגער מוזיק — פון וואַגנערן ביז בראַהמס. נאָר אַזוי ווי עס קומען פאָר טראַנסמיסיעס פון דער וואַרשאַווער פילהאַרמאָניע — האָט זיך דער דאָזיגער חסרון נישט אַזוי שטאַרק געמערקט.

דער איצטיגער סעזאָן אָבער, האָט שוין אריינ־געפיהרט קאָנצערטען גלייך אין שטודיען. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער ענין פון אויספּעסערען די אַ־קוסטישע בעדינגונגען איז געוואָרען א פּראָבלעם, וואָס פאָדערט א באַלדיגען ענטפער. מען האָט שוין אויך געהאַלטען דערביי, אַז מען זאָל אריבערטראַ־גען די קאָנצערטען אין אַנ'אַנדערען זאַל אריין, וואו מען זאָל פריהער אדורכפיהרען פּראָבעס און דער־נאָך אָנווענדען אין דער פּראַקטיק.

איז אָבער געקומען דער הייטער דעצעמבער, דער טאָג פון פּויליש־איטאַליענישען קאָנצערט און דער דאָזיגער ענין איז אַרויף אויף א נייעם וועג.

די עקספּערימענטען און פּראָבעס, וואָס זענען פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיווו פון ה' עדמונד רודניצקי — דער מוזיקאַלישער לייטער פון פּויל־ישען ראַדיאָ — האָבען דערפיהרט דערצו, אַז עס זענען בעוויזען געוואָרען די אַלערליי שטערונגען און אַזוי נאָך האָט זיך דאָס גרויסע שטודיען־ביוראָ פון פּוילישען ראַדיאָ פערגרעסערט אויף כמעט 30 קוביק־מעטער. א חוץ דעם האָט מען פונאַנדערגע־שטעלט עטליכע מיקראָפאָנען אין פערשידענע פונק־טען.

די דאָזיגע ענדערונגען האָבען גוט געווירקט אויך אויף דער נאַטירליכקייט פונם אָפּקלאַנג פון די בע־זונדערע אינסטרומענטען, אויף דער פּלאַסטיק פונם קלאַנג. עס איז דערפון אַרויסגעקומען דער אַזוי־גערופענער „רויבעטאָן“, וועלכער קומט אַרויס נאָר דאַן, ווען עס איז דאָ א גרויסער שטח לופט, א דאַנק דעם האָט געקומען אָפּקלינגען שעהן דער קלאַ־וויר, וועלכער האָט ביז אַהער, הגם ער איז א נייער — מען האָט איהם אריינגעשטעלט ערשט פאַראַ־יאָהרען — קיינמאָל נישט געגעבען זיין נאַטירליכען אָפּקלאַנג.

דער הייטער דעצעמבער איז אַלזא, אַנ'איבער־ברוך“־טאָג פאַר די אָרקעסטער־ און קלאַוויר־ אויסיציעס.

טעלעוויזיע שוין ענדגילטיג פערפול־קאָמט

אין פערלויף פון די לעצטע פינף יאָהר האָט די טעכניק פון טעלעוויזיע זיך פערפולקאָמט אַזוי, אַז ס'איז גאָר נישט ווייט דער טאָג, ווען די טעלעוויזיע אַפּאַראַטען וועלען ווערען צוגענגליך פאַרן בריטען עולם. די בליץ־שנעלע טעכנישע ענטוויקלונג פון די אולטרא־קורצע כוואַליעס, דערמעגליכען די רייכע ערפאַהרונגען, וואָס מ'האָט בעקומען ביים מאַ־כען עקספּערימענטען מיט די אַזוי גערופענע ברוין־לאָמפּען, האָבען דערפיהרט דערצו, אַז מען זאָל אין דער גאָר נאָהנטער צוקונפט קענען דורכפיהרען טעלעוויזיע אין דער פּראַקטיק.

די לעצטע ערפאַהרונגען ביי דער טעלעוויזיע־סטאַציע (זי האָט א לענג פון 7 מעטער), וואָס איהר אַנטענע איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פונם איפעל־טורעם אין פּאַריז, האָבען געגעבען גאַנץ צופרידענע שטעלענדע רעזולטאַטען. עס איז אַרויסגעקומען א בילד מיט 40 טויזענד פּונקטען און דאָס איז פּול־שטענדיג גענוג: דער הויז־קינא למשל, גיט אָפּ א בילד מיט 50—100 טויזענד לייכטפּונקטען. שוין היינט קען מען איבערשיקען גענוג קאָמפּליצירטע מאַסען־סצענעס דורך טעלעוויזיע, וועלכע פערמאָגט די נעהעריגע גיכקייט, וואָס דאָס איז פאָדערט.

דאָס האַרץ פונם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט איז דער ברוין־לאָמפּ, וואָס גיט די מעגליכקייט צו בעקומען אויפן פלואָריזירענדען עקראַן א בילד אין דער גרויס פון 18—24 צענטימעטער, די איבריגע אַפּאַראַטור־טיילען, ווי: סינכראָניזירענדע מכשירים און רעגולאַ־טאָרען הילכער פאַר דער טראַנסמיסיע פון מוזיק אָדער מענשליכער שפּראַך א. ד. גל. — זענען אין די מאָדערן־קאָנסטרואירטע טעלעוויזאָרען אריינ־געשטעלט אין איין קעסטעלע. דאָס בעזיצען אַזאַ טעלעוויזאָר איז א סך לייכטער געוואָרען און עס זעהט זיך פאָר, אַז גאָר בקרוב וועט שוין מעגליך זיין איינצופיהרען די אַזוי גערופענע רעגולירונג פון איינמאָל אַנשטעלען.

דער **פּראָגראַמען - צוזאַמענשטעל** פון דער טעלעוויזיע סטאַציע פאָדערט א בעזונדערע זאָרג פעלטיגקייט צוליב דער פּיעל־זייטיגקייט פונם פּראָ־גראַם. האָט די היינטיגע טעכניק געלענט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף די צוקונפטיגע מעגליכקייטען, וואָס די ענטוויקלונג פון דער טעלעוויזיע זעהט פאָר, אויף אַזא אופן האָט מען שוין פעסטגעשטעלט אַז מען קען טראַנסמיסירען פילמען ווי אויך קלענערע סצע־נעס: למשל, עס בעווייזט זיך דאָס פּנים פונם ספּיקער אָדער פון פרעלעגענט, אויסער דעם קען מען שוין ווייזען א רייהע פערשידענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אַלערליי מאַסען סצענעס, ווי למשל געזעלשאַפטליכע, קולטורעלע, פּאָליטישע און ספּאָרט אימפּרעזעס א. ד. גל.

די טעלעוויזיע האָט פאַר זיך א גרויס אַרבייטס פעלד

אויך אויפ'ן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע וועט זי וואַרשיינליך אין די גאָר נאָהענטסטע יאָהרען ווערען א ווירקליכע פערפולקאָמונג פון ראַדיאָ.

כדי צו קענען איבערשיקען טעלעוויזיע טראַנס־מיסיעס דאַרף מען האָבען פערשידענאַרטיגע טיפּען סטאַציעס, וועלכע מען האָט שוין אָנגעהויבען בויען יעדער איינער טיפּ פון די דאָזיגע סטאַציעס ווערט בענוצט לויט דעם וואָס פאַר א מין אויסיציעס עס וועלען דאָרט געגעבען ווערען. אין פראַנקרייך בויט מען איצט א ספּעציעלע האַלע אויף פילמען טראַנס־מיסיעס, די דאָזיגע האַלע האָט אויך א צונאָב־איינ־סטאַלאַציע וועלכע גיט די מעגליכקייט איבערצושי־קען קלענערע סצענעס און בילדער.

בשעת מען האָט גענומען בעטראַכטען די טעכ־נישע פּראָבלעמען וואָס זענען פערבונדען מיט טעלע־וויזיע, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז עס איז אויס־טערליש שווער איהרע פאָדערונגען נאָכצוקומען.

נאָך אַלעמען הגם עס זענען זעהר גרויס די פאָרט־שריטען וואָס מען האָט דערגרייכט אויפן געביט פון טעלעוויזיע — פעהלט נאָך א סך דערצו, אַז די טעלע־וויזיע טעכניק זאָל דערגרייכען די מדרגה פון פול־קאָמער ענטוויקלונג, די טעלעוויזיע אַפּאַראַטען וואָס מען וועט שוין בקרוב קריגען צו קויפען, וועלען נישט זיין אַזוי צוגענגליך זיי וועלען אויסקומען נאָך זעהר טייער, אָבער מיט דער צייט, ווען די קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציע וועט ווערען איינפאַכער וועלען די טע־לעוויזיע אַפּאַראַטען זיכער ווערען אַזוי פּאָפּולער און אַזוי נייטיג אין שטוב, פּונקט ווי עס איז היינט נייטיג דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

Dr. REICHER
פּאָלודביאַווא 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליזען
נעמט אָן פון 8—11 פון 5—8 אָוונט.
זונטאָג און חגאות פון 9—1

„אַ ליד אָהן ווערטער“

(סקיצע) **פון ק. מיכאל**

ער האָט איהר געמאַכט אַ הייראַטס־פאָרשלאָג. וועגען דעם פּלעגט זי דערנאָך דערציילען אַט אַזוי:

— דאָס איז געווען אַזוי שעהן, אַזוי פּאָעטיש! מיר זענען געזעסען ביים אָפענעם פענסטער... עס איז געווען שוין נאָך עלף ביינאַכט.... דער פּאַפּאַ און די מאַמע זענען אַוועק שלאָפען. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט... לעאָן האָט א זאָג געטהון: „וואָס שפּילט מען דאָס?“ האָב איך זיך אָנגערופען: דאָס איז דאָס מענדעלסאָנ'ס „אַ ליד אָהן ווערטער“... האָט לעאָן א זאָג געטהון ווי צו זיך אַליין: „סאַראַ וואונדערבאַרע מוזיק“. דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט: „שוין צייט, מיר זאָלען חתונה האָבען, אידא. איך דאַרף אַוועקפאָהרען געשעפטליך. פאַר־מאַך דעם ראַדיאָ!“ — און מיר האָבען זיך גענומען קושען!...

אידאַ איז אַ קליינינקע בלאָנדינקע, מיט זעהר גרויסע בלויע אויגען. אַ פּנימ'ל האָט זי אַ קליינ־טשיקס, דעריבער דוכט זיך, אַז דאָס גאַנצע פּנים איהרס בעשטעהט אויס לויטער אויגען. ביים רעדען דריקט זי צו די הענטלעך צו דער ברוסט. זי האָט ליב צו רעדען.

וועגען דער לוסט־רייזע נאָך דער חתונה דער־צעהלט אידאַ אַט מיט די ווערטער:

— דאָס איז געווען אַזוי פּאָעטיש! אַזוי שעהן! מיר זענען צוגעפאָהרען צו אַ האָטעל — האָט לעאָן געזאָגט, אַז עס איז צו טייער. זענען מיר צוגעפאָהרען צו אַ צווייטען. מיר איז דאָרט שרעקליך געפעלען, גלייך ביים ים. האָט זיך אָבער לעאָן צו־בייזערט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע רויבעריי, און ער האָט אַ טראַסק געטהון מיט דער טיר. ער האָט גע־זאָגט, אַז מיר וועלען דאַרפען בעכטיגען אויף דער גאַס. האָב איך זיך אָנגערופען, אַז דאָס וואָלט געווען זעהר פּאָעטיש, אונטער'ן הימעל צו נעכטיגען, אַבי מיט איהם.... ער האָט אָבער אויסגעזוכט עפּעס אַ האָטעל. דאָס צימער איז געווען גרויס, נאָר פינ־סטער, איך האָב געזאָגט, אַז מיר איז אַלץ איינס, וואו צו נעכטיגען, אַבי ער זאָל מיך ליבען. מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענסטער...

אידאַ האָט ליב געהאַט צו רעדען. קיין סודות האָט זי נישט געהאַט. און שפּעטער מיט אַ יאָר חד־שים, צודריקענדיג די הענטלעך צו דער ברוסט, האָט זי מיט טרערען אין די גרויסע, בלויע אויגען דער־צעהלט:

— דאָס איז נישט שעהן פון מיין פאָטער'ס זייט! לעאָן זאָגט, אַז מען האָט איהם פערשפּראָכען אויסצומעבלירען אַ וואוינונג. איז דאָך קלאָהר, אַז אונזער ראַדיאָ געהערט צו איהם, אַיאָ? האָט זיך אָבער דער פּאַפּאַ איינגעשפּאַרט און וויל איהם דעם ראַדיאָ נישט געבען. לעאָנ'ען פערשאַפט עס אַזוי פיל יסורים! ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק ליב מוזיק! און פערגעסט נישט, דעם הייראַטס־פאָרשלאַג האָט ער דאָך מיר געמאַכט בשעת אונזער ראַדיאָ האָט געשפּילט „אַ ליד אָהן ווערטער“... וויל ער, לעאָן, דווקא אַט דעמזעלבען ראַדיאָ. דאָס איז דאָך אַזוי פּאָעטיש!...

ביי דער קליינינקער אידאַ'ן איז דאָס פּנימ'ל אַלץ קלענער געוואָרען און די אויגען — גרעסער.

— איך בין אַזאַ שלעכטע בעל־הביתטע — האָט זי זיך מודה געווען מיט די הענטלעך ביי דער ברוסט. — לעאָן זאָגט, אַז ביי מיר געהט אַוועק מעהר געלד ווי ביי אַלעמען, ווייל איך קען נישט און ווייס נישט קיין זאַך... מ'דאַרף וויסען, ווי אַזוי צו פיהרען אַ שטוב, מ'דאַרף זיין אַ גוטע בעל־הביתטע... ער איז גערעכט, איך ווייס עס אַליין. אין ווירטשאַפט איז פאַראַן אַזוי פיל שעהנקייט און פּאָעזיע, אויב מען ווייסט נאָר, ווי אַזוי דאָס צו פיהרען...

צום סוף פון דעם ערשטען יאָהר נאָך אידאַ'ס חתונה איז פון איהר פּנימ'ל שוין כמעט קיין זכר נישט געבליבען. בלויז אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגען.

— סאַראַ אומגליק! איך בין שוואַנגער! — האָט זי זיך בעקלאָגט מיט אַ ציטערדיג קול. — לעאָן איז זעהר נישט צופרידען, וואָס איך האָב זיך אַזוי צוגעאיילט. אַ קינד — דאָס איז דאָך אַזאַ גרויסע אויסגאַבע!

צודריקענדיג די הענטלעך צו דער פול־געוואָ־רענער ברוסט, האָט זי ווייטער גערעדט:

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דאָס איז טאַקע מיין שולד! עס האָט זיך מיר שרעקליך פערוואָלט האָבען אַ קינד! דאָס איז דאָך אַזאַ שענקייט — אַ קינד! דאָס איז דאָך אַזוי קלינגענדיג ווי מוזיק. אַזוי זיס, אַזוי שעהן, אַזוי פּאָעטיש, אַזוי....

און דערביי האָט איהר פּנים בעקומען אַזאַ אויסדרוק, גלייך ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס וואָס קלינגט אינוועניג אין איהר, אָהן ווער־טער....

ניי־ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

ניי־ער פאלקסבלאט

יאנואר	דאנערשטאג, 2
זון־אויפגאנג 7.44	ז'
זון־אונטערגאנג 3.33	טבת תרצו

קאנטראלירט די פאבאר־רשימות

(א) פון 2טען ביזן 16טען יאנואר 1936, וועלען אין מיליטערישען ביורא ביי דער שטאט פערוואלטונג פעטריקאווער 165, אין די ביורא שעה'ן אויסגעלעגט ווערען די רשימות פון די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1915.

די פעראינטערעסירטע פאבאראווע דארפען קאנטראלירען די ריכטיגקייט פון דער רעגיסטראציע און אויב זיי וועלען בעמערקען א פעהלער אדער אונפינקטליכקייט דארף מען וועגן דעם באלד מעלדען

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען:

ליינוועבער (פרייהייט־פלאץ 2), הארטמאן (מליגארסקא 1), דאניעלעצקי, (פיעטריקאווער 127), א. פערעלמאן (ציגעל נאם 32), צימער (וואולטשאנסקא 37), וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27).

שווערע בראנד־וואונדען

(א) אויף זשאביא 15 האט זיך ביי'ם פריזיער מייסטער ווארשאווסקי אנגעצונדען א שעכטעלע זאפאלקעס, ווארשאווסקי איז שווער פערוואונדעט געווארען. די פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט הילף.

גנבות

(א) אויפ'ן אויטאבוס־וואקזאל אויף לוטאמירסקא 13 האט מען צוגעגנב'עט א וואליזקע מיט זאכען פאר 550 זלאטיס.

אויף באלוטער מארק האט מען ביים סוחר משה שטיין פון קאליש ארויסגעגנבעט א פארטפאל מיט 600 זלאטיס מזומנים און ווערט־פאפירען.

א געזעגענונגס אוועגט

פאר'ן דיכטער ל. מלאך איז זש. ט. ק.

צום אפפאהרען פון דיכטער לייב מלאך קיין אמעריקא, ארדענט איין די היגע יודישע שרייבער משפחה א געזעגענונגס־אווענט אין לאקאל פון זש. ט. ק. עס וועלען ארויסטרעטען מיט רעדעס און רעציטאציעס פון אייגענע ווערק די בעקאנטע דיכטער משה בראדערזאהן, חיים לייב פוקס, ישראל ראבאן, בעזונדער וועט ל. מלאך לייענען א חוץ אייגענע שאפונגען אויך א רעפעראט א. ד. ט. „דאס יודישע ווארט אין גאר דער וועלט".

דער אינטערעסאנטער אווענט וועט פארקומען שבת ד. 4. יאנואר פינקטליך 9 א זייגער אין אווענט אין לאקאל פון זש. ט. ק. וואולטשאנסקא 35

Doktór
Henrykowski
ספעציעל - ארצט פאר מענער - שוועכע־בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
טראוגוטא 9 טעל. 262-98
נעמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאג

קלאנג־קינא־טעאטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26.
היינט און פאלג. טעג!
פילם פון פוילישער פראדוקציע. מאכטיגע דראמע פון די צארישע צייטען און די רעוואלוציע פון יאהר 1905 א. נ.
דיטאכטער
פון גענעראל
פאנקראטאוו
דער פילם איז הערליך רעזשיסירט און שמידט צו דעם צושויער צום עקראן. — גרויסע אויסשטאטונג און מייסטערהאפטער שפיל פון די ארטיסטן. אין די הויפטראלן:
Marja Bogda, Junosza Stępowski, Nora Ney, Franciszek Brodniewicz
אויסער'ן פראגראם ?
אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 פריה.

ניי־יאהר איז דער וואיעוואדשאפט און שטאט־פערוואלטונג

וואונשען פאר'ן מלוכה־פרעזידענט און דער רעגירונג

נעכטען 12 א זייגער בייטאג האבען זיך אין רעפרעזענטאציע זאל פון דער וואיעוואדשאפט פערזאמעלט די פארשטעהער פון דער גייסטליכער מאכט, מיליטער, פאליציי, אדמיניסטראטיווער מאכט, רעפרעזענטאנטען פון די ווירטשאפטליכע ספערען, פארשטעהער פון די פרעמדע מלוכות, פון דער שטאטישער זעלבסטפערוואלטונג פון די פאוויאטען און דער וואיעוואדשאפט, בעאמטע, פראפעסיאנעלע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, די דערמאהנטע רעפרעזענטאנטען האבען איבערגעגעבען דעם וויצע־וואיעוואדע פאטאצקי — וועלכער האט פערטרעטען דעם וואיעוואדע האוקע־נאוואק, וועלכער איז אויף אורלויב — ניי־יאהר וואונשען פארן מלוכה פרעזידענט אין דער רעגירונג. דאס אפגעבען די וואונשען האט געדויערט אנדערהאלבען שעה.

נאכן אפנעהמען די וואונשען האט דער וויצע־וואיעוואדע, אין נאמען פון וואיעוואדע האוקע־נאוואק, איבערגעשיקט די דעפעשען מיט וואונשען צום מלוכה פרעזידענט פראפעסאר מאשטשיצקי. פרעמיער קאשטשאלקאווסקי, גענעראל אינספעקטאר פון די בעוואפענטע כוחות גען. רידז שמיגלי און אינערן מיניסטער ראטשקעוויטש.

א חוץ דעם האט דער וויצע וואיעוואדע פאטאצקי איבערגעשיקט אין נאמען פון די פערזאמעלטע רעפרעזענטאנטען א דעפעשע צום וואיעוואדע האוקענאוואק, וועלכער געפינט זיך אויף אורלויב.

פון די יודישע פארשטעהער האבען מיר אין דער וואיעוואדזשאפט געזעהן: רעפ. מינצבערג, און פרעז. ליבערמאן — מצד דער קהלה; הרב פינער מצד דעם ראבינאט; די ראטמענער פון דער האנדעלס קאמער פרעזעס לייבוש האזענבערג און וו. פרעזעס גרשון וואלמאן פון די קליינהענדלער פ עראיינען.

פרעזעס לעווענשטיין און ארוו. היימאן פון סוחרים פעראיין, פעטריקאווער 73; פרעזעס יאשונסקי און ה' הירשבערג פון סוחרים פעראיין, פעטריקאווער 10.

פרעזעס בארי און וויצע פרעזעס סעגאל פון צענטראלען קליינהענדלער - פעראיין, פאמארסקא 10.

די ה'ה געלאסען, דאזאר גלאטמאן פון דער עקספאזיטור ביים צענטראלען האנדווערקער פערבאנד.

די ראטמענער פון דער האנדווערקער קאמער פיאלקא, האטעמאן, שענפעלד, דיאמענט און סענדעראוויטש.

פון שניידער צעך — הערשקאוויטש און געלאסען.

פון טישלער צעך — לעווקאוויטש און שמעדרא.

פון יובעליר־צעך — פיאלקא און יאסקאוויטש.

פון שוסטער־צעך — געלבארד.

פון פאטאגראפען־צעך — גינזבורג און שענפעלד.

פון בלעכער־צעך — רובינאוויטש, סענדעראוויטש.

פון צעך 11 ליסטאפאד 7 — בלאדי און ראדאשיצקי.

פון בעקער־צעך — גאלדבערג און קופערמינץ.

פון נותן לחם — פרעזעס מאג. באלבארישסקי.

אין דער שטאט־פערוואלטונג

1 א זייגער בייטאג האבען זיך אין זאל פון שטאט ראט פערזאמעלט פארשטעהער פון דער מלוכה־מאכט גייסטליכע, מיליטער, פאליציי, פייערלעשער, געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, שטאטישען ביראט, הויכע זעלבסטפערוואלטונגס בעאמטע כדי אפצוגעבען ניי־יאהר וואונשען דער שטאט־פערוואלטונג וועלכע איז געווען פערטרעטען דורך וויצע פרעזידענט גאדלעווסקי, און וויצע־פרעזידענט קאזלאווסקי צוליב דעם וואס דער פרעזידענט גלאזעק געפינט זיך איצט אויף אורלויב.

פאר די וואונשען האט געדאנקט דער וויצע־פרעזידענט גאדלעווסקי.

פון יודען זענען געווען אנוועזענד די פארשטעהער פון ראבינאט קהלה, נותן לחם, עקספאזיטור, קליינהענדלער פעראיינען, ראטמ. ליבערמאן א.א.וו.

אין דער האנדווערקער־קאמער

זענען געקומען די פארשטעהער פון די צעכען, וועלכע האבען אפגעגעבען ניי־יאהר וואונשען פאר וועלכע ס'האבען געדאנקט דער פרעזעס קאפטשינסקי און דיר. דאבאש.

אין נאמען פון דער האנדווערקער עקספאזיטור האט אפגעגעבען וואונשען מאג. באלבארישסקי, ס'זענען אויך אנוועזענד געווען די יודישע ראטמענער פיאלקא, האטעמאן, שענפעלד, דיאמענט און סענדעראוויטש און פארשטעהער פון די יודישע צעכען.

נייע צירקולארען און געזעצע

לאקאל־שטייער.

דאס פינאנץ־מיניסטעריום קלערט אויף אין זיין לעצטען צירקולאר, אז די צאהל אוביקאציעס, פון וועלכער ס'איז אפהענגיג דער פראצענט־פוס פון לאקאל־שטייער, ווערט פעסטגעשטעלט אויף פאלגענדע כללים :

אויב א האנדעלס־לאקאל גרינדעט זיך מיט דער וואוינונג פון אייגענטימער, דארף לאקאל־שטייער אויסגעמאסטען ווערען לויט דער אלגעמיינער צאהל פערנומענע שטובען.

דער אומשטאנד, וואס די וואוינונג האט אויך א בעזונדערען ארייננגאנג, איז נאך נישט גענוג, אז דער לאקאל שטייער זאל אויסגעמאסטען ווערען בעזונדער פאר דער וואוינונג און בעזונדער פאר'ן געשעפט.

בלויז אין דעם פאל דארף יא אזא בעזונדערע אויסמעסטונג פארקומען, אויב דאס געשעפט האט נישט פון דער וואוינונג קיין דורכגאנג אבער, ווען דער דורכגאנג איז פערמויערט געווארען

עקסמיסיע - מאראטאריום.

לויט די פונאנדערגעשיקטע דורכ'ן יוסטיץ־מיניסטעריום אינסטרוקציעס צו די געריכטען דארף דער עקסמיסיע־מאראטאריום אין זין פון באיועליזירטע דעקרעט אנגעווענדעט ווערען אויף פאלגענדע אופנים :

דאס געריכט איז אליין בערופען אפצולייגען דאס אויספיהרען אן עקסמיסיע פון אנ'1 אדער 2 שטיביגע דירה, אויב די צאהלונגס־אונטערשטעליגקייט איז א פועל יוצא פון ארבייטסלאזיגקייט, באלד ביים ארויסטראגען דעם אייגענטליכען עקסמיסיע־אורטייל. אזא אפלייג קאן אויך ערטיילט ווערען אויפ'ן אינצידענטאלען וועג (דורך א נישט־שטרייט בארע תביעה) אדער בעת דער עקזעקוציע־פראצעדור, אויב די עקזעקוציע האט שוין אנגעהויבען און טערגענומען צו ווערען (דער קאמארניק האט צוגעשיקט אנ'אויפפאדערונג אויסצולייריגען די דירה.)

קוים האט דאס געריכט ע״ב אנגעלייגט דאס אויספיהרען די עקסמיסיע אויפ'ן סמך פון ארבייטסלאזיגקייט, קאן דער מאראטאריום אפגעשטעלט ווערען. אויב דער הויזווירט בעווייזט א דער בעטרעפענדער לאקאטאר האט יא אנגעהויבען צו ארבייטען אדער צו בעקומען הכנסה פון אנ'אנדערען מקור, דער אומשטאנד מוז אבער פעסטגעשטעלט ווערען דורכ'ן געריכט.

אפילו ווען דאס געריכט שטעלט פעסט, אז דער בעטרעפענדער לאקאטאר פערדינט שוין און נעמט איהם דעריבער צו די רעכט אויפ'ן מאראטאריום, טאר מען איהם אויך נישט גלייך עקסמיטירען, נאר מ'דארף איהם געבען די מעגליכקייט ווייטער צו פערבלייבען אין דער דירה, פערפליכטענדיג איהם צו בעצאהלען דאס לויפענדע דירה־געלד צוזאמען מיט 25 פראצענט אויפ'ן חשבון פון פערלעגענעם חוב.

וואס שייך די שידס־אמטען פאר וואוינונגסעניינים נעמען זיי בעקאנט, זייערע אגענדעס איבער די געריכטען, אלזא וועגען פעסטשטעלען דאס גרונט דירה־געלד דארף מען זיך שוין ווענדען אין די בעריכטען. דאס געריכט וועט פעסטשטעלען דאס גרונט דירה־געלד אין פערלויף פון א פראצעס אדער אויף אזוי גערופענעם אינצידענטאלען וועג.

סאציאלע פערזיכערונג.

דאס מיניסטעריום פאר סאציאלע השגחה קלערט אויף, אז אויב אנ'עמיריט בעקומט א בעשעפטיגונג, דארף מען איהם נישט פערזיכערען פאר ארבייטסלאזיגקייט.

ארבייטס שוץ פון יוגענטליכע.

דאס מיניסטעריום פאר סאציאלער השגחה האט ארויסגעגעבען א פארארדענונג, אז מען טאר נישט בעשעפטיגען ביי שווערע ארבייט קיין יוגענטליכע ביז 16 יאהר.

שווערע ארבייט הייסט טראגען, איבערטראגען, אדער איבערררוקען א משא, שווערער ווי 10 קילאגר.

אזעלכע יוגענטליכע טארען נישט בענוצט ווערען ביים שלעפען יועגלעך, טאטשקעס, ביים בעדינען מאטארען.

ביים בעדינען א מאטאר ביז 2 פערד־קראפט טארען נישט בעשעפטיגט ווערען קיין יוגענטליכע ביז 17 יאהר.

גענעראל־פערזאמלונג פון מענער שניידער־כאלופניקעס

זונטאג איז אין מענער שניידער־כאלופניקעס פעראיין אויף זאכאדניע 11 פארגעקומען די גענעראל־פערזאמלונג. נאכדעם ווי די ארגאניזיר־קאמיסיע האט אפגעגעבען דעם טעטיגקייטס־בעריכט פאר די לעצטע פאר חדשים און ה' לאנגנאס האט אפגעגעבען דעם קאסע־בעריכט איז מען צוגעטרעטען צו וואהלען פון א פערוואלטונג, רעווידיר קאמיסיע און א שידס־געריכט.

אלס פרעזעס איז אויסגעוועהלט געווארען ה' וואלף בענקעל, וויצע־פרעזעס — מאיר בראנדזער, קאסירער — ה' מאקס נירענבערג, סעקרעטאר — ה' מענדעל גלוכי, עקאנאם — ה' עליע מארקואן, פערוואלטונגס מיטגלידער : ה"ה הילל שולעוויטש, יחיאל קאטאשעווסקי, משה יצחק פעלדמאן, רוסאק, הילער, מילער, טענענבאם, לעווקאוויטש, שלאמקאוויטש, שייניאק און וואזשעיואדע. קאנדידאטען : פייערטאג, שלעזינגער, ראטבארד, סמאלארזש, שארפער, פעלדשיין, מרדכי לעווקאוויטש, הארא־ויץ, מיאדאווניק און האניג. אין דער רעווידיר קאמיסיע: שפיטאלסקי, גאלדבערג און מאקאווסקי. שידס־געריכט : הילער, ישעיה ראזענצווייג, מיאדאווניק, סאלאן און מאכעל נירענבערג.

Dr.
R.Zalcwasser
כירורג
צעגעלניאנא 19, טעל. 125-17
נעהמט אן פון 1—2 און פון 4—3.30

טעאטער „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20.
נאר 4 טעג! ● 45 ביז 1.50 גר. ערשטע רייה
זעהט אונזערע פריידן פון
אויפטריטען פון די בעליבטע ארטיסטען:
דזשעני שמולאוויטש און יעקב פישער
אין דער שלאגער־פיעסע מיט מוזיק אין 3 אקטען
דער גרויסער פערדינער
די פיעסע איז געשפילט געווארען איבער 150 מאל אין ווארשאווער „עליזאום"־טעאטער.
איינצעלהייטען אין די ווייטערדיגע אנאנסען און אפישען.

דער בילאנס פון דער סילוועסטער־נאכט

7 מעסער־געשלעגען מיט א צענדליג פערוואונדעטע

(2) דער היי־יעהריגער סילוועסטער איז אין אלגעמיין אדורך רוהיג, אין דער סילוועסטער־נאכט זענען נאר פארגעקומען 7 געשלעגען אין פערשידענע פונקטען פון שטאט.

אויף קיעווסקא 3 איז צושטאכען געווארען אנטאני פאוולעק, וועלכער האט בעקומען 7 מעסער וואונדען.

אויף עק זשעראמסקיעגא און 11 ליסטאפאד איז בעפאלען געווארען און צושלאגען געווארען דורך אונבעקאנטע פערשוינען די 37־יעהריגע מאהא האמאק.

נעבען דער סטאציע „ווידזעוו" איז בעפאלען געווארען מאריאן קאריטאשיק, וועלכע איז שטערבליך פערוואונדעט געווארען מיט מעסערס, די פאגאטאוויע האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל

אויף עק בזשעזשינער און לאגעווניצקא איז שווער פערוואונדעט געווארען בעת א געשלעג דער 32־יעהריגער סטעפאן קאוואלסקי.

אויף לאגעווניצקא 59 איז בעת א געשלעג פערוואונדעט געווארען מאריצ קרוליק.

אויף קאפערניקא 40 איז צוהרגעט געווארען דער 24־יעהריגער העניק שנייוער און אויף לימאנאווסקיעגא 129 קאזשימיעזש אוטשארעק און אלע דערמאהנטע פאלען האט די פאגאטאוויע ערטיילט הילף.

טעאַטער
„ראָזמאַיטאָשצי"
צעגעלניאַנאַ 27.
דיר.: דוד צעלמייסטער.

היינט, 9 אַווגם
גראַנדיעזע אויפפיהרונג
אויף יודיש
פון רעזשיסער פון ארץ-ישראל'דיגען
סאַטירישן רעווי-טעאטער „המאטאטא"
יצחק נאָזשיק

תל-אביב

פריילינע סאַטירע אין 2 טיילן, 16 בילדער
פון נ. יצחקי. מוזיק בעאַרבייט פון
י. שייעוויטש.
בילעטען פון 11—2 און פון 5 נאָכמיטאָג
צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער.

טראַגעדיע, וואָס אַ לאָדזער האָט איבערגעלעבט אין ניו-יאָרק

דורך אַ צופאַל איז אויסגעמיטען געוואָרען אַ חתונה צווישען אַ שוועסטער פון ניו-יאָרק און אַ ברודער פון לאָדז

איך האָב פּראָבירט פּראָטעסטירען, אָבער דער טאַטע האָט מיר שטרענג געענטפערט:

— דו וועסט טאָן וואָס איך הייס דיר.

— אָבער איך וויל כאָטש זעהען ס'מיידעל — האָב איך געטענה'ט און דאָס פּנים האָט מיר געפלאַמט פון הילפלאָזיגקייט און שאַנדע.

— אַזוי — האָט מיך מיין פאָטער אָנגעקוקט — כאָטש זעהען. דערויף האָסטו געלערנט אין סאַכאַטשאָוו, דו זאָלסט קומען אַהיים קוקען אויף מיידלעך!

— אָבער אפילו לויט דער גמרא טאָר מען דאָך נישט מקדש זיין א פרוי ביז מען זעהט זי נישט.

— דו וועסט זי זעהען ביי דער חופה. מען וועט זי דיר שוין ווייזען! — האָט דער טאַטע געענט־פערט מיט פאַראַכטונג צו מיר און צו מיינע „אפּי־קורסישע" טענות.

דערמיט האָט זיך געענדיגט מיין געשפּרעך מיט'ן טאַטען.

איך האָב איצט גענומען בעטען מיין מוטער, אַז זי זאָל מיר אַרויסהעלפען, ווייל איך קען נישט חתונה האָבען מיט א מיידעל, וואָס איך קען אפילו נישט.

מיין מוטער האָט מיך יאָ פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר מיין פאָטער, וועלכער איז געווען א גרויסער כעסן. זי האָט מיר נאָר גע־טרייסט, אַז די כלה איז א פיינע מיידעל. זי אַליין האָט מיט איהר גערעדט. זי איז אַ פרומע יודישע טאָכטער, פאָלגט אַלץ וואָס טאַטע-מאַמע זאָגען איהר און אַז עס וועט „מעַרצע שעם" זיין גוט.

איך האָב געפיהלט, אַז מען גראָבט פאַר מיר א גרוב, אָבער כ'האָב זיך נישט געקענט העלפען, ווייל איך בין געווען זעהר יונג, אונערפאַהרען און הילפלאָז.

איך בין שוין מעהר קיין סאַכאַטשאָוו נישט געפאָהרען. פון סוכות ביז חנוכה בין איך געווען אין דער היים און עס האָט געהייסען, אַז איך לערן אין „שטיבעל" כאָטש כ'האָב אפילו נישט געטראַכט מעהר פון לערנען. באַלד נאָך חנוכה איז פאָרגעקו־מען די חתונה.

ערשט אונטער דער חופה האָט מען אויפגע־הויבען ביי דער כלה דאָס דעק-טוך, אַז איך זאָל זי אָנקוקען, אָבער איך האָב גאָרנישט געזעהען. ערשטענס איז די חופה געווען אין אָוונט אויף אַ פינסטערען הויף און, צווייטענס, האָב איך זיך גע־שעהמט צו קוקען איהר אין פּנים אַריין. און אַזוי האָב איך חתונה געהאַט און אַפילו נישט אָנגעקוקט פריהער מיין בעשערטע.

ער פערליבט זיך אין ווייב, אָבער דער שווער טרייבט איהם ארויס.

ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער חופה האָב איך אָנגעקוקט מיין לעבענס-בעגלייטערין. זי איז נישט געווען קיין שעהנהייט. ווען מיר האָבען זיך אָבער צורעדט האָט זי מיר אָנגעהויבען געפעלען ווערען. איך האָב זיך באַלד איבערצייגט, אַז זי איז נישט נאַריש און נישט אומוויסענד.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז געווען די גאַנצע צייט נערוועז און האָט מורא געהאַט, אַז מען מאַכט זי חתונה פאַר עפּעס א ישיבה בחור, א „כניאַק". אָבער איצט, ווען זי רעדט מיט מיר און זעהט ווער איך בין, איז זי זעהר צופרידען. איך האָב איהר געזאָגט דאָס זעלבע. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט. אַז זי האָט געקענט פּויליש און דייטש און האָט געלייענט א היבשע ביסעל ביכער. מיר זענען אַלזאָ ביידע געווען צופרידען.

מיין ווייב האָט געהייסען ציפּע, זי אַליין האָט זיך אָבער גערופען ציליע.

נאָך דער חתונה האָב איך געלערנט אין סאַכאַ־טשאָווער שטיבעל, וואו מיין שווער האָט געדאַוונט. ביסלעכווייז האָב איך זיך גענומען צוגעוועהנען צו מיין ווייבעל. זי האָט אַרויסגעוויזען זעהר פיל גע־טריישאַפט צו מיר און אַזוי ווי זי איז געווען מיין ערשטע פרוי אין לעבען, האָב איך זי טאַקע ליב בעקומען אויך. אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז זי גע־וואָרען שוואַנגער.

נאָכדעם ווי איך בין בעפרייט געוואָרען פון מיין שטרענגען פאָטער'ס רשות און געוואָרען א באַלע־בעסל פאַר זיך אַליין, האָב איך זיך אָנגעהויבען נאָך מעהר צו אינטערעסירען מיט אַלגעמיינע וועלט בילדונג. איך האָב געלייענט פיל השכלה ספרים. איך האָב אויך אָנגעהויבען לייענען צייטונגען. מיין שווער איז אויך געווען א גרויסער פאַנאַטיקער און האָט עס נישט געוואָלט ליידען, ער האָט אַ סך מאָל געשריען, אַז פאַר א חסידישען יונגענמאַן ווי איך פּאַסט נישט אָפּצוגעבען זיך מיט אפּיקורסישע ספרים, אָבער מיין ציפּע האָט מיך צלע מאל פאַר־טיידיגט.

(ווייטער מאָרגען)

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16
נהויב 12 אַ זייגער בייטאָג.
היינט פּרעמיערע!
דאָס אַנגעזעהענסטע מייסטערווערק פון
Cecil B. de Mill
אונטער'ן נאָמען:
קרייץ-צוג

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאַסלעס
Piotrkowska 164 tel. 114-20

קליינער פעליעטאָן

מעשה „אימקא"

א נייער יאָהר — אַלטע מעשים, און אַלטע מעשיות!

ס'איז קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט — זאָגט שמיל-שמעלקי — קעגען „אימקא"!

אָט האָט איצט — זאָגט ער — דער לאָדזער קרייז-שוים-פערבאַנד בעשלאָסען דאָרט נישט צו שוימען!.. ס'מעג זיך דאָרט אַפילו א מבול אַריינ־כאַפּען, דאָס וואַסער זאָל זיי זיין איבער די אויערען נאָר שוימען שוימען מיר דאָרט נישט.

און טאַקיש אַזוי — מען מוז עס דוקא לויפען שוימען אין א גוי'אישער מקוה, הכלה ווי איז דא אַזוי פיל יודישע מקוה'ס, וואָס די יודישע גמינע — געזונד און שטאַרק זאָל זי אונז זיין! — טוט אונז מיט זיי פאַרזאָרגען...

ניין, זאָגט מיר, איך בעט ענק: — איז נישט בעסער אַריינצושפּרינגען אין א יודישער מקוה מיט א ברכה אויף די ליפּצען, איידער זיך טובל צו זיין אין א גוי'שקער — מיט א קללה?..

כ'געהערט א מעשה: עס פּאַסט זיי נישט גיין צו טבילה צוזאַמען מיט אנשי שלומינו, ווייזען זיי אונז די טיר!.. זיי, זעהסטו, זעהען אויס בעסער!.. זיי שמעקען מיט בלויז פאַרפום!..

אַז אָך-און-ווי, ווי מען זעהט אַלע אויס כ'אַרא פּנים מ'האָט אויף דער וועלט -- גייט מען נאָך מאַכען אַזעלכע קונצען: אימקא-שמימקא...

מ'גייט זיך לערנען תורה וחכמה און מעשים־טובים ביים „אָרענדאַווניק"!..

מילא, ביים „אָרענדאַווניק", פאַרשטיי איך באַך, איז עס מעשה-פרנסה.. ס'לוינט זיך זיי!.. אָבער ביי דער דאָזיגער „אימקא"?.. וואָס וועט זי דערמיט געווינען, וואָס?.. וואו שטעקט די חכמה?..

דעריבער, אַז מען זאָגט מיר „אימקא" אַהין „אימקא" אַהער, זאָג איך, אַז שוין יא אם כן, וועל איך אייך גאָר זאָגען דעם נייעם יודישען „עכא"...

צ'האָט געהערט דעם נייעם יודישען „עכא"?

— עך-האָדאָס אין דר'ערד!!!

שמילשמעלקי

שטורמדיגע צייטען

ראָמאַן

66

קיביראַז האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע יוי־לונס-קראַפט און מיט אַנ'איבערמענשליכער אָנ־שטרענגונג האָט ער קוים אַרויסגערעדט עטליכע ווער־טער, ציטערנדיג דעריבער, אַז סעלים-כאַן זאָל נישט בעמערקען די ענדערונג פון דער שטים:

— אַ קויל אין קאָפּ און — פאַרטיג...

— פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס וועט זיין די איינ־ציגע בעלוינונג פאַר דעם דאָזיגען קיביראַז, — ענטפערט סעלים-כאַן, און ער בעמערקט נישט די ענדערונג אין קיביראַז'ס שטים, ווייל ער איז נייגעריג צו הערען, וואָס כאַכאַנאַז וועט ווייטער דערצעהלען.

און כאַכאַנאַז דערצעהלט ווייטער וועגען דעם, ווי פיל בעאַמטע עס אַרבייטען אין נאַבעל'ס ביוראָ, ווער און ווי פיל פון זיי עס זענען בעוואָפענט, ווען מען ברענגט דאָס געלד אויף אויסצוצאָהלען די אַרבייטער און אַנגעשטעלטע, וואו ווערט דאָס געלד בעהאַלטען און נאָך אַנדערע איינצעלהייטען.

— אַלי, נעהם אַרויס אַ שטיקעל פּאַפּיר און פאַרצייכען אַלעס גענוי, — זאָגט סעלים-כאַן צו קיביראַז'ן.

קיביראַז נעהמט אַרויס פון טאַש אַ נאָטיץ-ביכעל, רייסט אַרויס פון דאָרטען אַ שטיקעל פּאַפּיר און הויבט אָן צו פאַרצייכענען. כאַכאַנאַז מוז נאָכ־אַמאָל אַלעס איבער'חזר'ען און קיביראַז פאַר־צייכענט.

ער איז נאָך אַלץ אונטער'ן שטאַרקען איינ־דרוק פון דעם, וואָס כאַכאַנאַז האָט נאָר-וואָס דער־צעהלט און ווען ער נעהמט שרייבען, ציטערען ביי איהם נישט-ווילענדיג די הענד.

— וואָס ציטערען ביי דיר עפּעס אַזוי די הענד, אַלי? — פרעגט סעלים-כאַן מיט אַ בעזאָרג־טער שטים. — דו ביזט קראַנק?

— אָט... ס'איז גאָרנישט... טיילמאָל ציטערען ביי מיר די הענד... דאָס איז נאָך פון די צייטען, ווען איך האָב געהונגערט...

— און דו האָסט טאַקע געהונגערט, אַלי? — זאָגט סעלים-כאַן מיט אַ געריהרטען טאָן. — דו ווייסט, ווען איך גיב א טראַכט וועגען דעם, טוט מיר וועה. אַזאַ וואוילער, גוטער מענש האָט געמוזט הונגערען!....

הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט קיביראַז געפיהלט, ווי עס גיט איהם אַ שטאָך אין האַרצען.

ווי אויסערגעוועהנליך געטריי סעלים-כאַן איז צו איהם!... מיט וואָס פאַר אַ זאָרגפעלטיגקייט ער טראַכט וועגען איהם.

קיביראַז האָט פאַרצייכענט גענוי אַלץ, וואָס כאַכאַנאַז האָט איהם דערצעהלט און דאָס שטיקעל פּאַפּיר איבערגעגעבען סעלים-כאַנ'ען.

— האַלט עס בעסער דו, אַלי, ווייל איך וויל, אַז דו זאָלסט דער ערשטער אַריינגעהען אין ביוראָ און זיך אַרומקוקען — זאָגט סעלים-כאַן; — עס איז דעריבער בעסער. אַז דו זאָלסט האָבען ביי זיך די דאָזיגע נאָטיצען צוזאַמען מיט'ן פּלאַן פון דער ביוראָ.

קיביראַז האָט די נאָטיצען און דעם פּלאַן אַריינגעלעגט צו זיך אין טאַש... .

— אויף וואָס פאַר אַ טערמין בעשטימסטו אונ־זער „ויזיט" אין נאַבעל'ס ביוראָ? — פרעגט קאַ־י סעלים-כאַנ'ען.

— דעם וויפילטען האָבען מיר היינט? — פרעגט סעלים-כאַן. — אַלי, גיב נאָר אַ קוק אויף דיין קאַלענדאַרעל.

קיביראַז נעהמט אַרויס זיין קאַלענדאַר, בע־רעכענט אויף די פינגער און ענטפערט:

— היינט איז דאָנערשטאָג, האַ? אויב אַזוי, האָבען מיר דעם 25-טען סעפּטעמבער, לויט דער רוסישער דאַטע...

— דאָס וואָלט מען געדאַרפט מאַכען אַ טאָג פאַר'ן ערשטען — ערקלערט סעלים-כאַן, — ווען מ'ברענגט דאָס געלד אויף אויסצוצאָהלען, אָבער... — פאַרענדיגט ער נישט און פאַרטראַכט זיך אַ ווייל־ע — הם... מיר וועלען עס מוזען אָפּלעגען אויפ'ן צווייטען חודש...

— פאַרוואָס, כאַן? — פרעגט קיביראַז, ווע־לענדיג שוין שנעלער פאַרווירקליכען זיין פּלאַן.

— פאַרשטעהסטו מיך, אַלי, מיר מוזען צוערשט אויספאָרשען די מעשה מיט דעם דאָזיגען קיביראַזו, וועגען וועלכען כאַכאַנאַז האָט אונז דערצעהלט. אויב אַ פּאָלקאָווניק האָט זיך גע'סוד'עט מיט'ן דירעקטאָר פון דער נאַבעל-פירמע וועגען דעם דאָזי־גען קיביראַזו און איהם נאָך דערצו אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל די געשיכטע האַלטען בסוד, מוז דאָס זיין זעהר אַ וויכטיגער ענין. איך מיין, אַז איידער מיר געהען מאַכען דעם „וויזיט" ביי נאַבעל'ן, מוזען מיר פריהער עפּעס געוואָהר ווערען וועגען דעם דאָזיגען קיביראַזו. עפּעס געפעלט מיר נישט דער ענין. עס קאָן זיין, חברה, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיכעיעוו גרייט עפּעס צו פאַר מיר. מען דאַרף דעריבער זיין זעהר פאָרזיכטיג. נישט אמת, אַלי? — האָט זיך סעלים-כאַן געווענדעט מיט דער פראַגע צו זיין „געליבטען פריינד אַלי".

און „דער געליבטער פריינד אַלי" האָט איצט געהאַט דעם איינדרוק, ווי די געדערים דרעהען זיך איהם אינעווייניג איבער און ער האָט געצי־טערט, אַז סעלים-כאַן זאָל נישט בעמערקען, ווי אַנ'אויג האָט איהם פון אויפרעגונג אָנגעהויבען צו ציטערען....

ווען סעלים-כאַן פרעגט, מוז מען ענטפערען און באַלד ענטפערען; אויב מען שווייגט, קאָן ער זיך אָנהויבען צו וואונדערען — און קיביראַז ענט־פערט:

— יאָ, ריכטיג, מען וואָלט געדאַרפט עפּעס געוואויר ווערען וועגען דעם דאָזיגען קיביראַזו — און באַלד גיט ער צו: — עס קאָן זיין, כאַן, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. אַז דער שכור'ער וואָזשני, דער רוס, האָט זי אויסגעטראַכט...

— ער האָט זי נישט אויסגעטראַכט, — מישט זיך אַריין כאַכאַנאַוו, — עטליכע מאָל, זאָג איך אייך, האָט מיר דער רוס דערצעהלט וועגען דעם, ווי דער דירעקטאָר האָט זיך גע'סוד'עט מיט'ן פּאָל־קאָווניק און דער פּאָלקאָווניק האָט איהם איבערגע־געבען, אַז אַ געוויסער אָפיציר קיביראַז גרייט עפּעס צו אַזאַ זאַך פאַר סעלים-כאַנען, דורך וועל־כער מ'וועט איהם מוזען פּאַקען. איך האָב אומישנע דעם רוס עטליכע מאָל איבערגעפרעגט וועגען דעם און ער האָט זיך געשוואוירען, אַז ער האָט עס מיט זיינע אייגענע אויערען אַליין געהערט.

— נו, אויב אַזוי, — בעמערקט קיביראַזו, כדי נישט אַרויסצורופען קיין חשד, — וואָלט טאַקע נויטיג געווען עפּעס געוואויר צו ווערען וועגען דעם דאָזיגען ענין.

— מען דאַרף אונבעדינגט זיך דערוויסען, — זאָגט סעלים-כאַן מיט אַ פעסטער שטים, — ווער דער דאָזיגער קיביראַזו איז און וואָס אַזעלכעס ער גרייט זיך צו טון געגען אונז! נו, דזשיגיטען מיינע, ווער נעמט זיך אונטער דאָס געוואויר צו ווערען?

— אָ יך, כאַן, — ענטפערט שנעל כאַכאַנאַוו.

— מיר וועט עס זיין זעהר לייכט זיך צו דערוויסען. דאָס ערשטע וויל איך געוואויר ווערען ביי דעם וואָזשני, ווער ס'איז דער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט דער־מאָלט געשמועסט מיט'ן דירעקטאָר פון דער נאַבעל פירמע, דערנאָך וועל איך שליסען בעקאַנט־שאַפט מיט'ן דינער פון דעם דאָזיגען פּאָלקאָוו־ניק, מיט איין וואָרט, איך וועל ביסלעכווייז דער־געהען דעם סוד, ווער דער דאָזיגער קיביראַז איז און וואָס אַזעלכעס ער גרייט צו געגען דיר, כאַן!

— אָבער ביז דו וועסט זיך דערוויסען און אונז וועגען דעם מעלדען, קאָן שוין זיין אַמאָל צו־שפּעט, — זאָגט סעלים-כאַן, — מ'וואָלט דאָס געדאַרפט מאַכען זעהר שנעל. עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיגער קיביראַז גרייט עפּעס צו אַ שפּיצעל געגען אונז שוין מאָרגען, אָדער איבערמאָרגען. דאָ וואָלט מען געדאַרפט געפינען אַ מענש, וואָס זאָל זיך דירעקט בעקענען מיט דעם דאָזיגען קיביראַזו און ביי איהם אַרויסקריגען וואָס אַזעלכעס ער גרייט-צו.

— דאָס איז אַ שווער שטיקעל אַרבייט, כאַן, — בעמערקט קאַדי, — אַזאַ קיביראַזו וועט נישט אַזוי לייכט אויספּלוידערן זיין פּלאַן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, כאַן, דאָס בעסטע זאָג איך דיר וואָלט געווען, ווען מיר קאָנען פּאַקען דעם דאָזיגען קיביראַזו ערגעץ אין אַ ווינקעל און איהם קאַלט מאַכען... ערשטענס, וואָלטען מיר פּטור געוואָרען פון אַ מענש, וואָס גרייט זיך געגען אונז אַרויס־צוטרעטען; און צווייטענס, זאָלען די צאַרישע הינד וויסען, אַז יעדער איינער, וואָס האָט נאָר בלויז אַ פּלאַן צו פאַרטיליגען אונזער כאַן, בעקומט דערפאַר זיין פאַרדינטע שטראָף!...

— ביזט גערעכט, קאַדי, דאָס וואָלט געווען דאָס סאַמע בעסטע פון אַלעם! נישט אמת, אַלי?

— ווענדעט זיך יודער סעלים-כאַן צו זיין ליבלינג „אַלי".

— יאָ, קאַדי'ס פּלאַן געפעלט מיר. — ענט־פערט קיביראַזו, אָנשטרענגענדיג זיך מיט אַלע כחות אויף אַרויסצוברענגען די עטליכע ווערטער.

— געוויס, — גיט-צו סעלים-כאַן. — אַזעלכע הינט דאַרף מען שנעל פּטר'ן. איידער זיי הויבען נאָך אָן צו טון עפּעס שלעכטס, דאַרף מען זיי פאַר־ניכטען מיט'ן וואָרצעל! אַלזאָ, דזשיגיטען, איצט מוז מען דערגעהן, ווער דער דאָזיגער קיביראַז איז. מען דאַרף איהם אָבוואַרטען ערגעץ אין אַ זייטיגער גאַס און איהם געבען צו שמעקען דעם טעם פון אַ טשעטשענישען קינזשאַל... אָבער דאָס דאַרף געמאַכט ווערען היינטיגע וואָך, איהר הערט?

— ריכטיג, כאַן! — ענטפערט קאַדי. — אויף דער דאָזיגער שטיקעל „אַ-בייט" וואָלט מען געדאַרפט שיקען אַליי'ן. ער האָט אַ קאָפּ אויפ'ן קאַרק און אַ פעסטע האַנד! האַ, אלי? וועסט איהם פאַרטיג מאַכען, דעם דאָזיגען קיביראַזו, נישט אמת?

— יאָ, יאָ, — איז סעלים-כאַן צופרידען פון קאַדי'ס פאָרשלאַג, — אלי וועט עס גוט מאַכען! נו, אַלי, וואָס שווייגסטו? רעד אַ וואָרט! וועסט פאַרטיג מאַכען דעם דאָזיגען קיביראַזו, יאָ? נו, וואָס שווייגסטו?

(פאָרטזעצונג קומט)

א טעאטראלער גרוס פון ארץ-ישראל

א געשפרעך מיט'ן רעזשיסער יצחק נאזשיק

דער רעזשיסער יצחק נאזשיק, ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין לאדז, מיט זיין „תל אביב" האט ער בעזוכט אונזער רעדאקציע. און אין א געשפרעך ווע־גען ארץ ישראל־טעאטער דערצעהלט אונז דער גאסט:

„איך בין אנ'ארץ ישראלדיגער יוד, דארט האב איך שוין מיין משפחה, מיין דירה, מיין טעאטער, מיין פראגראם. מיין פובליקום און אהין פאהר איך צוריק. אין ארץ ישראל פיהר איך אן מיט מיין טעא־טער „המאטאטא". דאס איז א קליינקונסט טעאטער, פאר פאליטישי־געזעלשאפטליכע סאטירע. אויף דער בינע פון דאזיגען טעאטער שפיגעלט זיך אפ אק־טועלע לאקאלע פאליטישע געזעלשאפטליכע טע־מעס.

איך האב אין ארץ ישראל — דערצעהלט אונז ווייטער ה' נאזשיק — געגעבען 6 אויפפיהרונגען. די ערשטע האט געהייסען „לך לך", וועלכע בעהאנדעלט אין א סאטירישער פארם דעם יקרות אויף דירה־געלד. די צווייטע האט געהייסען „במהרה בימנו", געווידמעט דעם 25יעהריגען יובל פון תל אביב. דער דריטער פראגראם „אהבה אהבה. אהבה". דער פירטער פראגראם „שנים אוחזים בסרטיפיקט אחד". דער 5־טער — „פראספעריטי" און די 6־טע — „חג לא קרע".

די פרעמיערעס זענען פארגעקומען אין תל־אביב אין „בית עם", דערנאך אין ירושלים, חיפה, שפע־טער האבען מיר געשפילט אין די מושבות קבוצות, קבוצים א.א.

— ווי אזוי זעהט אויס אייער אנסאמבל און דאס טעאטער פובליקום אין ארץ ישראל?

— דער אנסאמבל ענטפערט ה' נאזשיק, בע־שטעהט פון אינטעליגענטע יונגעלייט, וועלכע קע־נען אביסעל טעאטער פון רוסלאנד, פוילען א. אנד. דאס פובליקום איז זעהר א הארציגעס און סימפא־טיש. דער טעאטער בעזוכער אין ארץ ישראל רעא־גירט אויף א יעדער שורה פון סאטיריש־געזעל־שאפטליך פאליטישען לעבען.

קיין לאדז בין איך געקומען מיט א ספעציעל־צוגעקליבענעם אנסאמבל, וועלכער האט גרויס פער־שטענדניש פאר ארץ־ישראל־פראבלעמען און פאר ארץ־ישראל'דיגען הומאר. איך האב פון דער אר־טיסטען־משפחה אין פוילען אויסגעוועהלט די בעסטע כוחות אויף צו בעהאנדלען די ארץ־ישראל־פראבלעמען סצעניש־טעאטראליש.

— וואס פאר א ציל האט אייער קומען קיין פוילען?

— בעווייזען ווי עס בויט זיך אין א"י א ניי־יודיש לעבען, ווי יודען לאכען, אריינבריינגען ארץ־ישראל־לופט אינם שווערען אויסזיכטסלאזען לעבען פון די יודען אין די גלות־לענדער. משתתף זיין די יודען פון חוץ לארץ מיט'ן בנין־הארץ.

— אויף ווי לאנג זענט איהר געקומען קיין פוי־לען?

— דאס ווייס איך נאך נישט. איך ווייס נאר, אז איך בין אנ'ארץ־ישראל'דיגער.

צום סוף פון אונזער געשפרעך, בעמערקט ה' נאזשיק מיט א שמייכעל:

— ווען איהר קומט היינט ארונטער אונטער די קוליסען וואלט איהר געזאגט „הזאת נעמי"? אלץ דארט איז פער'לשון־קודש'ט געווארען: די אקטיא־רען, די בילעטען, דער טעכנישער פערזאנאל, די דעקאראציעס, דער רעקוויזיט — אלץ שמעקט מיט עבר־היהדן. איהר ווייסט באטש, אז די חברים אק־טיארען האבען צו מיר געוואלדיגע טענות, און זיי זענען גערעכט אויך. ביז היינט האבען זיי געהאט צרות פון אמעריקאנער „סטארען" צוליב זייער ענגליש רעדען: „הארלינג", „יעס" „עקסיוז מי" און אנדערע, און איצט האבען זיי צרות פון דעם העברעאיש, ווי שאלאם, טארא ראבא, אווארא, בעד וואקאשא, לעהיטראאט א. אז. וו.

דאס לעבען אין ווארשא

טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט־שטאט

טויזענד ארעסטאנטען וועלען בע־פרייט ווערען אין ווארשא נאך דער אמנעסטיע.

דער שטראף־דעפארטאמענט פון יוסטיץ מיני־סטעריום ארבייט אויס א רשימה וועגען די צאהל א־רעסטאנטען וועלכע דארפען בעפרייט ווערען פון די טורמעס נאכן פערעפענטליכען די אמנעסטיע. פון די ערשטע פראוויזארישע בעריכטען וועלכע זענען צוגעשיקט געווארען דורך די ווארשאווער טורמעס, וועלען אין ווארשא בעפרייט ווערען 1000 ארעסטאנ־טען. 400 פון מאקאטאוו, 400 פון צענטראל־ארעסט און 200 פון פאוויאק.

קאנפיסקירט א באנד פאעזיע.

די פראקוראטור האט קאנפיסקירט א באנד פא־עזיע פון אירמא קאנפער אויס קראקא א.ג. „צוויי אסאקרדען".

דאס נייע געזעץ וועגען לאקאטארען שוץ וועט געענדערט ווערען.

ווי בעקאנט האט מען גלייך נאכן פערעפענטליכען דאס נייע געזעץ וועגען לאקאטארען שוץ אנגעהויבען צו רעדען וועגען נאוועליזירען דאס געזעץ.

אזא פארשלאג ווערט שוין איצט בעטראכט דורך דעם יוסטיץ־מיניסטעריום אין פערשטענדיגונג מיט אנדערע מיניסטעריומס. מ'דארף ערווארטען, אז די נאוועליזאציע צום נייעם געזעץ וועט פערעפענטליכט ווערען סוף פון היינטיגען חודש.

הרב גאלד קומט קיין פוילען.

אין עטליכע טעג ארום קומט קיין פוילען דער פארזיצער פון דער אלוועלטליכער „מזרחי"־ארגאני־זאציע, הרב גאלד פון ירושלים.

הרב גאלד וועט בעזוכען עטליכע גרויסע שטעט אין פוילען אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע פארן „קרן היסוד".

זעלבסטמארד פון א פאר־פאלק אין דער סילוועסטער נאכט.

אויף זשעלינסקיעגא 8 האט זיך אין דער סילוועס־טער נאכט אפגעשפילט א שרעקליכע דראמע, דארט וואוינט דער 43 יאהריגער קאזאנאווסקי מיט זיין 35־יעהריגער פרוי, עהעגעטבען ביינאכט זענען זיי ביידע בעגאנגען זעלבסטמארד דורך דערשיסען זיך. די סיבה פון דעם דאפעלטען מארד איז נישט פעסט געשטעלט געווארען.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראנקהייטען

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעלעפאן 32־141

עמפאנגס־שעה'ן 8־10, 12־2 און 5־8 אוונט

צום דאווענען פון אבערקאנטער משה קוסעוויצקי אין פילהארם.

שוין מארגען פרייטאג־צונאכט'ס וועט אין זאל פילהארמאניע דער וועלט־בערימטער אבער־קאנטאר משה קוסעוויצקי דאווענען קבלת שבת און איבערמארגען שבת שחרית און מוסף, וועלכער וועט מיט דעם אנטייל פון א אויסגעצייכענטען כאר אונ־טער דער אנפיהרונג פון בעוואוסטען דיריגענט און קאמפאזיטאר פראפ. זאקס אויספיהרען די שענסטע קאמפאזיציעס פון חזנישער נגינה.

די פעראינטערעסירונג מיט דעם דאווענען אין־ביי די לאדזשער מתפללים א קאלאסאלע.

פון „בר־כוכבא"

די קארב־באל מאנשאפטען פון מענער, פרויען פיהרען א אינטענסיווע ווינטער פארברייטונג, זיי' טרענירען צוויי מאל וואכענטליך אין אייגענעם לא־קאל פיעטריקאווער 111.

* * *

דער סעקרעטאריאט פון בר־כוכבא גיט אויך צו וויסען, אז די ווייטערדיגע איינשרייבונגען פאר יוניארען (מיידלעך, יונגלעך) פון לייכט אטלעטיק און פוטבאל ווערען אנגענומען אלע טאג אין די שעה'ן פון 7–10 אוונט אין סעק. פיעטריקאווער 111. עס איז כדי אונטערצושטרייכען די פוסבאל־גרופע ציילט שוין יעצט 40 מיטגלידער.

ראדיא־פראגראם

דאנערשטאג, ד. 2־טען יאנואר

6.34 גימנאסטיק. 6.30 פליטען. 7.20 ידיעות. 7.30 פליטען. 7.55 אינפארמאציעס. 11.57 צייט־סיגנאל. 12.03 ידיעות. 12.15 קאנצערט. 1 קאנצערט. 1.25 הויז־ווירטשאפט. 1.30 „קאנצערט „שיטשען". 3.12 לאד־זער בערזע. 3.15 עקספארט. 3.20 ווארשאווער בער־זע. 3.30 לידער. 4 שמועס פון אנ'אלטען דאק־טאר. 4.15 קאנצערט. 4.45 „גאנץ פוילען זונגט". 5.05 רעפארטאזש. 5.20 קאמעראל־קאנצערט. 6 פארטעפיאן־קאנצערט. 6.30 „טעאטער און פילם". 6.45 גרזאנג. 7.20 רעקלאמע־קאנצערט. 7.35 ספארט. 7.50 אקטועלער שמועס. 8 טאנץ־מוזיק. 8.45 אוונט־ידיעות. 9 הערשפיל. 9.35 „אונזערע לידער". 10 קאנצערט. 10.30 טאנץ־מוזיק. 11 ידיעות. קאמוניקאטען.

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג

(קאמוניקאטען)

יודיש טעאטער פילהארמאניע

נאך געצוילטע אויפטריטען פון דער זעהר בעליב־טער שוישפילערין זשעני שמולעוויטש און דער בע־רוהמטער בעראקטער־ארטיסט יעקב פישער. עס וועט געשפילט ווערען „דער גרויסער פערדינער". די ארטיס־טען שמולעוויטש און יעקב פישער בעווייזען זיך איז גרויסע ראלען.

פון פוילישען טעאטער

אין שטאטישען פוילישען טעאטער ווערט היינט 8.30 אוונט געשפילט „פזשעדזשיווני סטאפ".

דער פאטאגראפישער אטעליר

„POLONJA"

31 גדאנסקא 31

פיהרט אויס אלערהאנט פאטאגראפיעס צו פע־סער, לעגיטימאציעס, מעטריקעס ווי אויך צו דער אובעזפיעטשאלניע לויט פאר־שריפטען, בעשטעטיגט דורך דער האנדווערקער־קאמער. אלעם צו זעהר בילינע פרייזען. אויפ'ן פערלאנג פון קליענט פערטיג איך אויס אין פערלויף פון עטליכע מינוט. אלעם שעהן און גוט רעטושירט. פאטסקארטען ווערען אויסגעפערטיגט לויט די נייעסטע זשורנאלען צו זעהר בילינע פרייזן.

„POLONJA"

אינהאבער: דיפל. פאטאגראף

גוטערמאן

לאדז, גדאנסקא 31

דער זינדיגער זוהן פון גרויסען רבי'ן פון ליאדי

פון מנשה אונגער

„ערשט נעכטען געוואלט צוריק אהיימפאהרען, ווערען א רבי, און איצט געפין איך זיך שוין גאר אין א קלויסטער..." „יא, מיין ברודער איז געווא־רען א רבי. איהם האבען קיינמאל נישט געמאטערט אט די אלע ספקות וואס מיך..." און ער האט פאר כעס צו זיך אליין א געשריי געגעבען: „אויב א גוי קאן ווערען א רבי, מעג א רבי ווערען א גוי!"...

און ער האט זיך אנגעהויבען אליין צו טרייס־טען: „וואס בין איך שולדיג, אז דער טאטע מיינער האט מיר אזא נשמה געגעבען?... וואס בין איך שולדיג, אז ער האט געוואלט כולל זיין „לב" מיט „מוח"? ווייל דאס הארץ דינען גאט, לאזט נישט דער מוח; ווייל דער שכל אלץ משיג זיין, ציהט דאס הארץ צו בלויזער אמונה. און ווי אזוי קאן מען כולל זיין אט די צוויי זאכען צוזאמען?...

דערפאר זענען א סך רבנים ארויס קעגען מיין פא־טער און האבען געטייטשט דעם פסוק „בת כהן כי תחל לזנות" (ויקרא כ"א), אז דער אנהויב איז דער שכל — פון איהם ציהט זיך די זנות..."

און נישט בחינם, האט זיך ר' משה געטראכט איז דער רבי ר' אברהם קאליסקער, וועלכער איז געווען א גוטער חבר פון מיין פאטער נאך פון די יונגע יאהרען, אנגעפאלען אויף מיין פאטער, ווען ער האט דערזעהן דאס ספר, דעם תניא", וואס ער, מיין פאטער, האט ארויסגעגעבען. און ר' אברהם האט איהם געשריבען א בריף, אז „איך האב געזעהן דעם ספר „הבינונים", וואס כבוד תורתו האט אפגעדרוקט, און איך האב אין איהם נישט געפונען אזא גרויסען נוצען צו ראטעווען נשמות... אונזערע חכמים זענען געווען שטארק בעזארגט און אפגעהיט אין זייערע רייד, נישט צו לאזען הערען עפעס צו די חסידים, סיידען נאר אויפ'ן וועג פון מוסר און זיי אריינצופיהרען אין דעם גלויבען פון די חסידים... ווייל דער עיקר פון אמונה און יראה איז דער מקור פון די ברכות און פון דעם פערבא־גענעם גוטס. און אלע שכלי־דיגע זאכען זענען ... מקור פון ערות, רחמנא לצלן. דערפאר דארף איטליכער, וואס היט זיין נשמה, זיך דערווייטערען פון זיי. וואס דער אנ־הויב פון אלדאס־בייז איז פון שכל, וואס פון איהם ווערען דערוועקט די קטרוגים"... (געדרוקט אין „לקוטי אמרים" פון ר' מנחם מענדעל פון וויטעבסק).

הייסט דאס, אז מיט'ן שכל וועט מען גאר־נישט דערגרייכען, האט ר' משה ווייטער געטראכט נאר בלויז מיט אמונה קאן מען קומען צו השגת הבורא, ווי די צדיקים האבען געטייטשט דעם פסוק „וצדיק באמונתו יחיה" — דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה... אבער ווי אזוי האט דער טאטע מיינער אין מיר געוואלט כולל זיין ביידע זאכען צוזאמען? איז — אן וואס זאל איך זיך האלטען: אן הארץ אדער אן מוח? ביידע פיהרען מיך אבער נישט אויף קיין גוטע דרכים...

און ר' משה איז געבליבען ליגען אויפ'ן געלע־גער, און טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען און אראפגערונען אין דער בארד אריין...

די טרויעריגע ידיעה, אז דעם ליאדער רבי'נס זוהן ר' משה געפינט זיך אין א מאנאסטיר אין פע־טערבורג, האט זיך זעהר שנעל פערשפרייט איבער גאנץ רוסלאנד. די יודישע מיסיאנערען האבען נאך דערצו אויסגעטראכט א ליגען, אז ר' משה גרייט זיך צו ווערען א גלח. וואס דאס האט אנגעפילט מיט טרויער אלע יודישע הערצער. די גלחים פון די קליינע שטעטלעך ארום פעטערבורג און קיעוו האבען געלאזט קלינגען אין אלע גלעקער פון די צערקוועס, ווי צום יום־טוב פון קריסטוס'עס „תחית המתים טאג", און האבען מיט פארכטיגע מינעס דערצעהלט די גלויביגע וואס פאר א נס עס איז געשעהען, אז דער גרעסטער „ראבין" ביי יודען האט אנגענומען די פראוואסלאווע אמונה.

האבען זיך אנגעהויבען צו ציהען גלויביגע פויערים און פויערטעס פון די ווייטסטע מקומות צום מאנאסטיר, וואו ר' משה איז געזעסען און גע־לערנט די עיקרים פון דער פראוואסלאווער רעליגיע. האבען די פויערים און פויערטעס געבראכט מתנות פאר'ן „הייליגען מאן", ווי לייוענענע טיכער, זעק מיט תבואה, עופות און פרוכט. און די גלחים האבען דאס אלץ צוגענומען און פאר דעם געוויזען די גלויביגע פונדערווייטענס, דורך א קליין פענסטערל דעם „הייליגען מאן", וועלכער האט זיך געפונען אין אנ'אפגעזונדערטען צימער און האט געלערנט...

האבען זיך אנגעהויבען צו מעהרען די מופתים, וואס די גלחים האבען מיט א פיין פערשפרייט וועגען דער הייליגקייט פון דעם „געטליכען מאן", ר' משה. און גויעס האבען דערצעהלט אין די דער־פער וואס פאר א נסים עס זענען מיט זיי געשעהן נאך דעם ווי זיי האבען א קוק געטון אויף דער הייליגער צורה פון דעם „געטליכען מאן". ביז פויערטעס האבען אנגעהויבען פערשפרייטען פער־שידענע מעשיות, א שטייגער, אז זיי זעהען די צורה פון דעם „הייליגען מאן" אין די פערשידענע צערקוועס. און איינע א פויערטע פון א דארף נע־בען פעטערבורג איז גאר געקומען צו לויפען אין מאנאסטיר אריין און דערצעהלט דעם עלטסטען פון די גלחים, אז אין א ברונעם פון איהר דארף, וואו זי איז געגאנגען שעפען ביינאכט וואסער, האט זי פלוצלינג בעמערקט ווי א גרויס ליכט שיינט פון ברונעם ארויס; און ווען זי האט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם טיפען ברונעם, האט זי דערזעהן די גע־שטאלט פון דעם „הייליגען מאן" — „פון דעם־זעלבען, וואס זיצט פערשלאסען אין מאנאסטיר", האט זי זיך גע'צלמ'ט.

האבען די גלחים הנאה געהאט, וואס זייער קירכליך פערמעגען מעהרט זיך, און זיי האבען דעם דאזיגען נס פערשפרייט איבער אלע דערפער. און מען האט אנגעהויבען צו זאמלען געלד ביי אלע פויערים צו בויען א צערקווע אויפ'ן ארט פון דעם ברונעם, וואו די צורה פון דעם „הייליגען מאן" האט זיך בעוויזען...

ר' משה האט גארנישט געוואוסט וואס אינ־דרויסען, ארום איהם, טוט זיך. ער האט נישט געוואוסט, אז די גלחים מאכען פון איהם מסחר, און אז ער איז גאר געווארען א מין רבי ביי די פראוואסלאווע פויערים. זיין קאפ איז געווען פער־נומען מיט לערנען די עיקרים פון דער פראוואס־לאווער אמונה....

דער ברודער זיינער, דער רבי ר' בער, האט אנגעווענדעט אלערליי החבולות, כדי צוצוקומען צו ר' משה'ן און מיט איהם רעדען. אבער עס האט גאר נישט געהאלפען. ווייל יוסיל די חסידים הא־בען זיך נישט משהדל געווען אין פעטערבורג, האט מען זיי תמיד געגעבען דעם איינציגען ענטפער, אז ר' משה וויל זיי נישט זעהן. ביז נאך לאנגער מיה האבען די חסידים אויסגע'פועל'ט, אז מען זאל ארייינלאזען איין חסיד אין מאנאסטיר, און יע־נער זאל בלויז א קוק טון דורכ'ן פענסטערל, זעהן צי ר' משה לעבט, ווייל עס האט זיך געדאגט פער־שפרייט א קלאנג, אז מען פייניגט ר' משה'ן אין מאנאסטיר און מען לאזט איהם נישט ארויס; און טייל האבען גאר געזאגט, אז מען האט איהם פער־סמ'ט.

האט מען ארייינגעפיהרט אין מאנאסטיר דעם אלטען ליאדער חסיד, ר' מעכל, וועלכער איז גע־גאנגען איבער די געדרייטע אלטע שטיינערנע שטי־גען, מיט פערמאכטע אויגען, כדי ער זאל נישט זעהן די טומאה... ביז מען האט איהם ארייינגעפיהרט אין א טונקעלען קארידאר און צוגעפיהרט צו א קליין פענסטערל און איהם געהייסען דארט אריינ־קוקען.

האט ר' מעכל געעפענט די אויגען און ער האט דערזעהן דורכ'ן פענסטערל א צימער כמעט אהן פענסטער, ליכט ברענען אויפ'ן טיש, די ווענט זע־נען בעהאנגען מיט פערשידענע „יוזלען", און ר' משה ליגט אויף דר'ערד אויסגעצויגען מיט זיין גאנצען גוף, ווי אמאל די אלטע חסידים פלעגען טון ביי חצות אפריכטען, און טוט תפילה. ר' מעכל איז געשטאנען שטיל, פון זיינע אויגען האבען גערונען טרעהרען, און זיין אלטער איינגעבויגענער גוף האט אינגאנצען געציטערט. אבער פלוצלינג האט זיך ר' משה געגעבען א הויב אויף פון דר'ערד און האט אנגעהויבען ארומצוזוכען אין צימער, ווי ער וואלט דערפיהלט, אז אנ'„אייגענער" איז דא פארהאן, און ער איז געגעבען א לויף צו צום פענס־טערל.

(ווייטער מארגען)

פון דער לאדזער פראווינץ

(פון אונזערע קארעספאנדענטען)

אפאטשנע.

די קהלה גייט קויפען אמת.

דאס צווייטע היגע בית־החיים, אויף וועלכען מ'איז שוין קובר מתים קנאפע 150 יאהר, איז שוין לאנג איבערפולט. די קהלה־פערוואלטונג האט דעריי־בער בעשלאסען צו קויפען א פלאץ אויף א נייעם בית עולם.

מיט 2 יאהר צוריק איז טאקע, אזא פלאץ גע־קויפט געווארען. דער פלאץ איז ארומגעמויערט גע־ווארען מיט א גדר, ס'איז אויפגעשטעלט געווארען א טהרה־שטיבעל מיט א דירה פאר'ן קברות־יוד און מ'האט נאר געווארט אויף מתים.

אבער וויפיל יודען ס'זענען שוין נישט אין משך פון די 2 יאהר געשטארבען, האט קיינער פון זייער־ר'ן משפחות נישט געלאזט זיי זיין דער „פאטשאנ־טעק" אויפ'ן נייעם בית עולם, באין אופן האט מען זיי ווייטער קובר געווען אויפ'ן אלטען.

איצט האט די מאכט פעראדענט, אז מ'זאל שליסען דאס איבערפילטע בית החיים און אז עס זאל דארט מעהר קיינער נישט בעגראבען ווערען. אזוי ווי מיט קיין היגען בר־מנן לאזט זיך אבער פארט נישט „בעגייען" דעם בית־עולם, האט די קהלה־פערוואלטונג בעשלאסען „אפצוקויפען" א מת מיט אזא פארשלאג האט זיך די קהלה - פערוואלטונג גלייך געווענדעט צו אלע שכנות'דיגע קהלות.

א. בירענצווייג

פאדעמביץ.

אויפגעגראבען א פערשטארבענע פרוי נאך 5 חדשים קבורה.

מיט 5 חדשים צוריק איז דא פלוצלינג געשטאר־בען א פרוי פון א היגען בעל־בית. מילא געשטארבען בעגראבען און איינציגווייז האט מען אין שטעטעל ווענען דעם אומגליק אנגעהויבען צו פערגעסען.

לעצטענס האבען זיך אבער גענומען פערשפריי־טען קלאנגען, אז דער טויט פון דער הערמאנטע־ר פרוי איז א דירעקטער רעזולטאט פון א קינסטליכען אבארט. די קלאנגען זענען ענדליך דערגאנגען צו דער פראקוראטור, וועלכע האט פעראדענט אנ'־עקסהומאציע.

אנומאלט איז טאקע אראפגעקומען פון לענטשיץ א מעדיצינישע - געריכטליכע קאמיסיע און די פער־שטארבענע איז נאך 5 חדשים אויסגעגראבען געווא־רען און איבער איהר איז דורכגעפיהרט געווארען אנ'ענטשפרעכענדע סעקציע. ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען אז די קלאנגען זענען נישט איטגאנצען פענטריונחעט.

י. גאלדבערג

גלאוונע.

חורבן פון יודישע פרנסות.

ביז מיט א צייט צוריק זענען אלע שטעט און שטעטלעך פון דער מדינה געווען א'ומגענומען מיט א נעץ פון אויטאבוסען־פערקעהר. קיין גרויסע נגידים האבען זיך אין דער ביזנעס נישט בעטייליגט. דער רוב פון די אייגענטימער זענען געוועזענע בעלי־עגלות, וועמען די טעכניק האט געצוואונגען די אלטפערענקישע קיטש צו פערבייטען אויף א פארד'ל.

האבען טאקע דאס ביסעל פורמאגעס פון יעדען שטעטעל צוזאמענגעלייגט זייער'ע „פערמעגענסער" און צוזאמען נאך א רייהע ארטיגע „קאפיטאליס־טען" בשותפות איינגעקויפט אייגעם אדער צוויי אויטאבוסען און אנגעהויבען אהין און צוריק פון די שכנות'דיגע שטעטלעך צו שלעפען פערשוינען. אזוי ארום איז ענטשטאנען די צוו שען־שטעטישע אויטא בוסען־קאמוניקאציע פון וועלכער אויך פיל יודישע משפחות האבען געצויגען האלב־וועגען חיונה...

סיי אלס בעלי־בתים (שותפים), סיי אלס אנגע־שטעלטע (שאפערען, קאנדוקטארען) אדער אלס צושטעלער פון מאטעריאלען, נויטיגע טיילען.

ווי געזאגט האבען די בעלי־בתים קיין וואונשע גליקען נישט געמאכט ביי די ביזנעס, ערשטענס איז געפיהרט געווארען א שארפע קאנקורענץ, צווייטענס זענען די שטייערען און אפצאהלען אונ־געהויערע, דריטענס האבען כמעט אלע אויטאבוס־אונטערנעמונגען געצאהלט הויכע ראטעס און צינזען פאר די טיילווייז גענומענע אויף קרעדיט אויטאבוסען פערטענס מוז מען משלמען אפנוץ־געלד פאר דער קאנצעסיע אנ'אינוואליד אדער אנ'אנדערן. פינפטענס דארף מען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג לייגען קאסטבארע רעפעראציעס אדער פערטוישען גאנ־צע טיילען. זעקסטענס נוצט זיך בכלל אנ'אויטא־בוס שנעל אפ און מ'מוז איהם דאן פערקויפען אין שמעלץ אריין. היינט שטראפען, ענטשעדיגונגען און נישט זעלטען אויך קאטאסטראפעס.

א צרה איז אויך דאס קאנצעסיאנירען בלויז איין צענטראלע ליניע. אויפ'ן גאנצען שטח פון לאדז ביז ווארשא איז ארויסגעגעבען געווארען איין קאנצעסיע. די אויטאבוס־אונטערנעמונגען וועלכע האבען קורסירט אויף די פערשידענע אפשניטען, פון דער ליניע וועלען זיך אלזא מוזען ליקווידירען.

פלאמהאלץ.

„Anna Karenina" מעכטיג מייסטערווערק פון לעוו טאלסטאי

GRETA GARBO i FREDERIK MARCH אין די הויפט־ראלען: | אין א מאדערנער אויפפאסונג דראמע פון מענשליכע ליידענשאפטען און סוחתים.

אויסערן פראגראם: קלאנג־צוגאבען און אקטואליטעטען.

אנהויב 4.30 נאכמיטאג. שבת און זונטאג—12 ביי טאג.

קלאנג־קינא CAPITOL זאוואדזקא 16

א דרוק־מאשין (א צילינדער) 70 אויף 100 אין גוטען צושטאנד פרייזווירדיג צו פערקויפען

אפערטען אין אדמיניסטר. פון דער צייטונג אונטער „P. W."

Zgodnie z ogłoszeniem Nr. 301 w „Najer Folksblat" oświadczam, że żadnych informacji względem G. Manelli nie udzielę, gdyż takowych nie posiadam.

Limanowskiego 22, m 35.

אלע סוחרים דארפען וויסען, אז פון ניי־יאהר אז מוז מען שוין פיהרען האנדעלס־ביכער!

איך פיהר שוין 15 יאהר ביי עטליכע היגע פירמעס האנדעלס־ביכער, וועלכע ווערען שטענדיג אנערקענט פון אוזשאנד סקארבאווי. איך קען אננעהמען ביי עטליכע פירמעס צו פיהרען האנדעלס - ביכער מיט גאראנטיע.

צו ערפאהרען ביי ב. זאלצמאן, 11. ליסטאפאד (קאנסטאנטינער) 46

צווייטע אפיצינע, רעכטס, צווייטער שטאק.

וואס יעדער סוחר איז האנדווערקער דארף וויסען!

אז שעהנע דרוק - ארבייט הייבט דעם אימפולס פון געשעפט. און דעריבער איילט צו בעשטעלען אייערע דרוק־ארבייט אין דער בעוואוסטער שנעל־דרוקעריי

בראמבערג

צעגעלניאנא 8 פראנט

טעל. 255-09

בריפבויגען, קאנווערטען, רעכנונגען, צירקולארען, עטיקעטען, חתונה־קארטען, קאנפעקציע־טיקעטס

ביליג | רעיעל | סאליד

אכטונג, שניידער־מייסטער! בעזוכט אויף לאגער מאס־ביכער!

ווייכטיג פאר פאבריקאנטען און האנדווערקער!

שוויסונגען. מאשינען־טיילען און רעפעראטורען

פיהרט אויס ביליג די מעכאנישע שלאסעריי

י. רעדער

לאדז, 11. ליסטאפאדא 11/13 (רוג זאכאדניא)

קליינע אנאנסען 1 זלאטי אנאנס ביז 15 ווערטער

פערשידענעס

א יונגעל פון א בעסער הויז זוכט א פאסטען אין א געשעפט, נישט צו קיין שווערע ארבייט. אפערטען אונטער „Sz." אין אדמינ.

איבערצוגעבען א איינגעפיהרטע קויהלען־בודקע, גרויסער רוים, ביליג דירה־געלד. צו ערפאהרען אויפ'ן ארט גדאנסקא 15.

Zagubiony został kwit kaucyjny Nr. 42355 z dn. 25/8–1927 na 5 sztuk oblig. prem. pożyczki dolarowej na imię Szlama Rozner Południowa 59. 3044

בעקאנטמאכונג. וויכטיג פאר מישלער און מאלער־פאכלייט! ביליג און רעיעל! די פירמע „Nobles" זגערזשער 44 (רוג קרוטקא) מאכט בעקאנט, אז זי האט אויף לאגער אלע זעמטל. ווארען, ווי: לאם, שעלאק, ביידען און אנד. זעמטל. ווארען צו פאבריקס־פרייזן. קומט איבערצייגט אייך! פרעגען קאסט קיין געלד. מיט אכטונג פירמע „נאבלעס".

BUCHALTER, rutynowany bilansista na stanowisku ma jeszcze kilka wolnych godzin. Za uznanie ksiąg gwarantuje kaucją. Opłata przystępna. — Leon KRELL, Piotrkowska 79, m. 40. tel. 145-64.

שרייבען שעהן און שנעל לערענט אויס דער בעוואוסטער קאליגראף ל. בערמאן אין 15 טעג. אויך ווערט אויס־געלערנט דעם בעסטען יודישען בריף אין 15 טעג, אפילו דעם, וואס קען גארנישט. די עלטער שפילט דערביי קיין ראלע נישט. די פרייזען זענען צוגענגליכע. — עלעג 1. מאי 4, ביי ליפשיץ.

א רוטינירטער בוכהאלטער־בילאנסיסט

לאנגיעהריגער גטוו. הויפט־בוכהאל־טער און קארעספאנדענט פון א גרעסערער היגער פירמע, פיהרט איין, און פיהרט ביכער שטונדענווייז.

אנמעלדונגען פאלודניאווא 39, וו.3.

טעלעפאן 155-46.

DR. MED. H. Różaner

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראנק.

NARUTOWICZA 9,

tel. 128-98.

נעמט אן פון 9–1 פארמ. און פון 5–9.

Zastrzyki

Opatrunki

Dyżury

Dyplom. siostra-pielęgniarka

RÓŻA BECAKÓWNA

Łódź, Andrzeja 7, tel. 248-31.

דאס עלעקטראטעכנישע ביורא „SIŁA i ŚWIATŁO" פון וו. קרוקאווסקי

23 פאלודניאווא 23, טעלעפאן: 139-32

נעמט אן דורכצופיהרען אינסטאלאציעס פון ליכט און קראפט. קויפט און פערקויפט מאטארען און ערלעדיגט אלער ארט עלעקטרישע איינריכטונגען אויף לייכטע בעדינגונגען ביליג, רעיעל, שנעל און פינקטליך! ספעציעלע ווערקשטעל פאר מאטארען־רעפעראטור.

שייטלען מיט פאריזער שרינדן און פערטיגע שייטלען ביי קערש. סקווערנאווא 15

Dr. med. Niewiażski

ספעציאליסט פאר טריפער, סיפילים און הויט - קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער - שוואכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

פראנט, 1טער שטאק

נעהמט אן פון 8-11 און פון 5-9 אווענט

זונטאג און יום טוב פון 9-1 נאכמיטאג. ספעציעלער ווארטע - זאל פאר פרויען

צאהן־ארצט העלענא האלפערן

נארוטאוויטשא 2,

טעל. 170-96.

נעהמט אן פון 10-1 און פון 4-7 אווענט.

ד"ר העללער

ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער - שוואכע

8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89

נעהמט אן פון 8-11 און פון 4-8 אין אווענד זונטאג פון 10—2 מיטאג.

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל. אונבעמיטעלטע— לעטשניצע פרייזען.

רעטשניצע פאר וועגערישע־קראנקע מענער - שוועכע און הויט־קראנקהייטען

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

פיעטריקאווער 45

טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אווענד. פרויען און קינדער נעמט אן א פרוי־דאקטאר פון 11-1 און פון 5-7 אווענד.

א בעראטונג 3 זל.

Dr. med. M. Wejs

אינערליכע און קינדער קראנקהייטען

לאגעווניצקא 25 טעל. 215-18

ביים קאבינעט: בעלויכטונג מיט קווארץ־לאמפע און עלעקטריזאציעס.

Dr. med. P. Braun

ספעציאליסט פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער - שוואכע

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 81

טעלעפאן 100-57.

נעהמט אן פון 8--1 און פון 4--8 אווענט.

Dr. med. Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען בלאז און אורין־קראנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95

נעמט אן פון 9-11 און פון 6-8 אווענט.

Dr. med. G. GERSZTAJN

ספעציאליסט פאר אויגען קראנקהייטען

Traugutta 12, tel. 175-10

נעהמט אן פון 11-2 און פון 5 ביז 8.30 אוו.

ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און העברעאיש

לעקציעס, איבערזעצונגען און האנדעלס־קארעספאנדענץ.

Cegielniana 24, I p. אדרעס:

tel. 261-36.

שפרעכשטונדען פון 2–4 נאכם.

Dr. med. M. TAUBENHAUS

ספעציאליסט

פאר אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט

זגערזשער 11, טעלעפאן 246-09.

נעהמט אן פון 4—8 אווענד.

Dr. med. Leon Familier

אינערליכע און קינדער - קראנקהייטען

6. שערפיען 37 (בענעדיקטא)

נעהמט אן פון 5—7 נאכמ.

אנאנסען־פרייז: פאר א מילימעטער־שורה ... ערב־יו"ט 24 גר. ... 10 גר. ... 100 ... 18 ... 40 ... 12 ... 80 ...

אבאנעמענטס־פרייז: אין לאדז — 4 זל. ... 5 זל. ... 7 זל. ...

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub

Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 24.

Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman